**בס"ד** / שנה ו' / פרשת בה"ב / נומער 311

# בלעטל

## הדרן עלך תלמוד בבלי

סיום הש"ס פון **הילד מרדכי יצחק נ"י**
בן מו"ה שמעון עוזר פערל הי"ו בתלמוד תורה בית שמש

### טראמפ ווערט געצילט צום דריטן מאל

וועלטליכע נייעס

### פלאנצן קארטאפל

אלץ און אלעמען

### שקר וכזב

א ווארט צוויי

### בענענע מיט סקאטש טעיפ

משה אר' שניצלער

### אילן אילן במה אברכך



### הדרן עלך מסכת מנחות



**בס"ד**

פרשת
בה"ב
תשפ"ו

**נומער**
**311**

שנה ו'

| | |
|---|---|
| **04** | וועלטליכע נייעס |
| **06** | אלץ און אלעמען |
| **08** | באריכט פון ראש ישיבה |
| **10** | פשרה'לאך |
| **12** | מעשה פון א צדיק |
| **14** | מעשה פון תפילה |
| **15** | א ווארט צווי |
| **16** | געדאנקען |
| **19** | עירנו |
| **20** | א בליק אויף צוריק |
| **21** | קלאסיפיידס |
| **22** | געשעענישן |



















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העסקעל, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.

# בלעטל

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938

כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

Moisdos Heichal Hakodesh Breslev

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זצ"ל

בהנהלת הראש ישיבה שליט"א

27 Skillman Street, Brooklyn, New York 11205 | 39 Chestnut Street, Liberty, New York 12754
Tel: 718-384-1652 | Fax: 718-463-5397 | Email: tuition@breslevoffice.com

בסייעתא דשמיא אייר תשפ"ו

לכבוד אנשי שלומינו שיחיו

געלויבט דער אייבערשטער מיר האלטן שוין נאנט צו די זומער סעזאן, און מיר גרייטן זיך ברוך השם צו א געשמאקע געלונגענע זומער אינאיינעם מיט אנשי שלומינו.

מיר ווילן בעטן אלע משפחות וואס קומען ארויף פון אנדערע שטעט צו זיין דא אין קרית ברסלב פאר די זומער, און ווילן בעזר השם שיקן די קינדער אין אונזער מוסד, ביטע נעמט אין אכט די פאלגנדע.

די זומער סעזאן וועט זיך אנהייבן אי"ה מאנטיג פרשת פינחס, י"ד תמוז, יוני 29 למספרם.

כדי צו פארזיכערן אז אייער קינדער זאלן קענען אנהייבן אין צייט, מאכט זיכער איינצושרייבן די קינדער פאר מאנטיג פרשת חוקת, אדר"ח תמוז, יוני 15 למספרם.

קינדער וואס וועלן ווערן איינגעשריבן נאך מאנטיג פרשת חוקת, וועלן נישט זיין פארזיכערט צו קענען אנהייבן מאנטיג פרשת פינחס.

ביטע רופט אריין די אפיס און מאכט זיכער אז אלעס איז מסודר.

718-384-1652 עקסטענשאן 105

בברכת ברכה והצלחה

רענט קאמפיין
מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב

# ערוואַרט אייער מתנה

מיט ליבע און דאנק צום אייבערשטן ווילן מיר מעלדן פאר אנשי שלומינו אז עס איז שוין אנגעקומען ברוך ה' די מתנות.

פאר די חשובע נדבנים וואס האבן זיך אנגעשטרענגט א שאנץ יאר ארויסצוהעלפן די "רענט קאמפיין", און מיט דעם שטעבן הרחבת הדעת פאר'ן ראש ישיבה שליט"א, און ארויסגעהאלפן די קהלה צו קענען אנגיין מיט די הייליגע אקטיוויטעטן.

די מתנות וועלן אי"ה ווערן אפגעליפערט אהיים צו אלע חשובע נדבנים.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים פון ארויסהעלפן דעם ראש ישיבה שליט"א זאל אייך בייַשטיין, געהאלפן צו ווערן מיט אלעם גוטן, בני חיי ומזוני וסייעתא דשמיא.

שבתי מארקוס - אשר בער אינדארסקי

*sruliHeskel

ועד הכשרות
קרית ברסלב

לכבוד
שבת
קודש

# די
# מבינים
# זענען
# אלע
# שטיל

זיי זענען זיך מחיה
מיט די גרויסע בארכע

ACCEPTING
SHVOUS
ORDERS

LIMITED AMOUNT \ FRESHLY DELIVERED FREE ON FRIDAY \ SIGNATURE DIPS

SEØR

SOUR-
DOUGH
+ DIPS

Artisinal

ORDER BY TUESDAY: 929.310.8389

# וועלטלעך



## און צום דריטן מאל: טראמפ געראטעוועט געווארן פון א שיסערי

דער אייבערשטער האט ווידער געפירט אז טראמפ זאל דורכגיין א פרישן אטענטאט-פארזוך.

דאס מאל איז עס פארגעקומען אינעם זאל פונעם "וואשינגטאן הילטאן" האטעל, וואס איז געוועזן הערליך אנגעגרייט פאר די טויזנטער מידיע פערזענליכקייטן ביים יערליכן "ווייסע הויז קארעספאנדענטן" דינער.

אנדערש ווי יעדעס יאר וואס ער קומט נישט מיטהאלטן, איז ער דאסמאל יא געקומען און געזעסן ביים אויבנאן און פארברענגט רואיג, ווען פלוצלונג האט זיך די רואיגקייט געטוישט אין איין רגע.

הילכיגע קולות האבן אפגעקלינגען אינעם לאבי. "איך האב געמיינט אז א טאץ איז אראפגעפאלן," האט דער פרעזידענט שפעטער געזאגט.

עס איז אבער בכלל נישט געווען קיין טאץ; דאס איז געווען א דריטע אטענטאט-פארזוך קעגן דעם פרעזידענט אין ווייניגער פון דריי יאר.

אין איין סעקונדע זענען אלע פארזאמעלטע, אריינגערעכנט הויכע באאמטע ווי דער וויצע-פרעזידענט און דער סעקרעטערי אוו סטעיט, עוואקואירט געווארן. מענטשן האבן זיך אראפגעווארפן אויף דער ערד אין שרעק, בשעת די סיקרעט סערוויס אגענטן שרייען: "מאכט פלאץ! רוקטס ענק אוועק!"

ווי עס שטעלט זיך ארויס, איז דער שיסער אידענטיפיצירט געווארן אלס קאול טאמעס אלען פון קאליפארניע. ער האט געדינגען א צימער אינעם האטעל א טאג פארדעם, וואס דורכדעם האט ער געקענט זיך דרייען דארט פראנק און פריי.

עס איז פשוט און קלאר אז דער אייבערשטער פירט די גאנצע וועלט; זאל עס זיין ווי גרויס און וויכטיג עס זעט אויס אין אונזערע אויגן, אדער ווי קליין און נישטיג עס דאכט זיך אונז, אלעס איז אין די הענט פונעם אייבערשטן וואס פירט זיין וועלט פונקטליך און געווי וויאזוי ער וויל.

דאס איז ביי יעדע זאך אין לעבן, און די זעלבע זאך איז ביי מלכים און שרים וואס דער אייבערשטער פירט זיי ווי פאפעטס אין די הענט פון א שוי-שפילער.

פאר אונז זעט עס אויס ווי די סיקרעט סערוויס פאלט דורך אדער זענען סוקסעספול, דער פרעזידענט איז דער גרעסטער דזשיניעס אדער גאר א ווילדער צודרייטער וואס קאפעט און שטויסט ווי א ספוילד קינד וואס האט נישט באקומען זיין לאלי; אבער "לב מלכים ושרים ביד ה'", יעדע ריר און יעדע קויל האט איר אדרעס.

וואס עס איז נוגע פאר אונז, איז ווייטער צו חזר'ן אז דער שיסער איז נישט דער וואס באשליסט וואס עס וועט געשען; נישט טראמפ פירט די וועלט, און נישט די סיקרעט סערוויס היט טראמפ.

אבער דאס איז נישט גענוג. מיר דארפן עס נעמען צו אונזער לעבן, בפרטי פרטיות. קלאפ דיר נישט אין רוקן מיט א געפיל פון "כחי ועוצם ידי" ווען דו זעסט ווי דיין פירמע איז מצליח, און דו דארפסט נישט זיין דעפרעסט אויב דו שפירסט זיך ווי א דורכפאל. דער עיקר אויף וואס מיר דארפן פאקוסן איז: וואו לויף איך ווען עס גייט מיר עפעס דורך? לאמיר געדענקען צו גיין צום אייבערשטן און זיך ווענדן נאר צו אים, דאן וועט אונז גוט זיין אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

וועלטליכע נייעס
מיט די ברסלב'ע
טעם

**גרשון קרעמער**




# אנטיסעמיטישע שטעכעריי אין לאנדאן

פאריגע וואך איז פארגעקומען אין לאנדאן א שרעקליכער אינצידענט, אין סטעמפארד היל, וואו אן אנטיסעמיט האט אטאקירט צוויי היימישע אידן מיט א מעסער רח"ל.

ב"ה די פאליציי האט שנעל ארעסטירט דעם פארשוין, און די פארוואונדעטע זענען אפגעפירט געווארן אין שפיטאל פאר באהאנדלונג.

מען דארף דאנקען דעם אייבערשטן אז די צוויי אידישע קרבנות זענען ברוך השם נישט אין קיין סכנה און ערהוילן זיך גוט.

עס איז א גרויסער ווייטאג אז אזא זאך האט פאסירט, אבער פון די אנדערע זייט דארפן מיר זיין בלינד נישט צו זען די חסדים פונעם אייבערשטן.

דער שטעכער האט געזוכט צו שעדיגן און פייניגן אידישע קינדער, האט אבער דער אייבערשטער געהאלפן אז עס איז נישט ארויסגעקומען קיין פערמענאנטע שאדנס דערפון, און ברוך השם עס זענען דא רפואות דערויף. די דאקטוירים לייגן סטיטשעס, די צושטאכענע – זאגט מען – ערהוילן זיך פיין, און מיט דער צייט וועט נישט בלייבן דערפון קיין זכר בסייעתא דשמיא.

אבער עס זענען דא אנדערע סארט "מעסערס" וואס שטעכן אויף א וועג וואס איז אסאך שווערער אויסצוהיילן.

ווען א מענטש האט א הפקר מויל און ער ניצט זיין מויל צו זאגן שטעכעדיגע ווערטער פאר א צווייטן, מיינט ער אפשר אז ער מאכט א וויץ, "איך האב נאר געזאגט", אבער באמת גייט ער ארום מיט א שווערד וואס קען איבערלאזן שווערע וואונדן אויף לאנגע יארן.

קריטיק, שארפע ווערטער, א שלעכטע באמערקונג אדער א נארישער וויץ קען באמת "שטעכן", און פאר דעם העלפן נישט קיין סטיטשעס; מענטשן גייען נעבעך ארום א גאנץ לעבן מיט א צושינטן הארץ.

ווען עס האט פאסירט די טראגעדיע מיט לייבי קלעצקי ע"ה, האט מוהרא"ש מורא'דיג געוויינט. ער האט געקלאגט אויף די קינדער וואס ווערן נעבעך "צושניטן" יעדן טאג דורך הארצלאזע מענטשן; מען ווערט נערוועז אויף א קינד, מען פארשעמט אים און מען דערנידערט אים, וואס דאס לאזט איבער אומאויסהיילבארע שאדנס אויף אידישע נשמות. דערפאר, אז עס האט פאסירט אזא זאך - האט מוהרא"ש דאן געזאגט - דארפן מיר זיכער מאכן צו פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות, וואס וועלן לערנען מיט אידישע קינדער צו געדענקען די חשיבות פון א אידישע נשמה, א "חלק אלוקי ממעל", וואס מען דארף שעצן און אכטונג געבן אויף איר. אזוי וועט מען בעז"ה האבן נחת פון די קינדער.

יעצט אז מיר געפינען זיך אין די טעג פון ספירה, א צייט ווען מיר דערמאנען זיך אין די תלמידים פון רבי עקיבא וואס זענען ליידער אומגעקומען ווייל "לא נהגו כבוד זה בזה", דארפן מיר בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן אנהייבן אכטונג געבן אויף אונזער שפראך. מיר זאלן נוצן אונזער מויל נאר פאר גוטע זאכן: זאגן א גוט ווארט פאר א חבר, געבן קאמפלימענטן איינער דעם צווייטן, און רעדן מיט איידלקייט און רעספעקט אפילו ווען מיר זענען נישט מסכים מיט יענעמ'ס מיינונג.

אין זכות פון נוהג כבוד זיין איינער צום צווייטן, וועט דער אייבערשטער העלפן אז אלע שונאי ישראל זאלן נישט האבן קיין שום שליטה אויף אונז, און מיר וועלן נאר הערן גוטע בשורות.

# אלץ און אלעמען




## די שטארקייט פון צעמענט

**שאלה**

וויאזוי מאכט מען צעמענט? צוערשט וויל איך פארשטיין וואס איז די זאמד-שטויב וואס מען מישט אויס מיט וואסער, און פון וואו קומט עס? צווייטנס, וויאזוי ווערט עס הארט ווי א שטיין נאכדעם וואס עס טרוקנט אויס?
און דריטנס, צעמענט איז מצד אחד זייער שטארק - עס קען האלטן אויף זיך א בריק מיט צענדליגער טראקס און באסעס - אבער מצד שני קען מען אפברעכן שטיקלעך דערפון מיט די בלויזע הענט. קענט איר מיר ביטע ענטפערן א גוטע תשובה אין די "אלץ און אלעמען" רובריק?
יישר כח.

**ענטפער**

האסט געפרעגט אסאך שאלות, לאמיר גיין על ראשון ראשון. וואס איז דער צעמענט-שטויב? ווי איר פארשטייט אליין, איז עס נישט קיין פשוט'ע זאמד; עס באשטייט פון עטליכע קאמפאנענטן. בעיקר איז עס קאלך (Limestone) און ליים (Clay). מען הייצט אן די קאלך און ליים שטיינער גאר הייס (יא, א פשוט'ע "קאלך אויוון") ביז זיי ווערן צולאזט, און דערנאך ווערן זיי צוריק פארהארטעוועט. נאכדעם צומאלט מען דעם שטיין צו שטויב, און דאס איז די "זאמד" מיט וואס מען מאכט צעמענט.

יעצט, וויאזוי ווערט עס טאקע הארט ווי א שטיין? עס ווערט נישט הארט ווייל עס ווערט "אויסגעטרוקנט" אזוי ווי עס זעט אונז אויס, נאר עס ווערט הארט דורך א כעמישע רעאקציע. דער אייבערשטער האט ארייגעלייגט אין פארשידענע מאטעריאלן א טבע, אז אויב זיי קומען זיך צוזאמען איינס מיט'ן צווייטן, האבן זיי א השפעה און עס ווערט א נייע בריאה.

בערך אזוי ווי פון מעל און וואסער ווערט א טייג און דערנאך ברויט. ברויט איז נישט קיין מעל, עס איז א פרישע בריאה וואס ווערט געשאפן נאכדעם וואס דאס מעל און דאס וואסער קומען צוזאמען. ווען די צעמענט-שטויב רירט אן וואסער, פאסירט אן אנדערע סארט כעמישע רעאקציע, און עס הייבן זיך אן צו פארמירן קליינע קריסטאלן וואס קניפן זיך אן איינס אינעם צווייטן גאר שטארק, ביז די גאנצע זאך ווערט איין שטיק הארטע שטיין.

פרעגסטו, וויאזוי קען עס זיין שטארק און שוואך אין די זעלבע צייט? אויף דעם איז דער ענטפער, אז צעמענט איז שטארק ווען עס קומט צו אויסהאלטן דרוק, אבער עס איז שוואך ווען מען וויל עס בייגן. דאס איז פארקערט פון אייזן, וואס לאזט זיך טאקע בייגן אבער עס וועט זיך זייער שווער איבערברעכן, בעת צעמענט וועט זיך גאנץ גרינג ברעכן ווען מען לייגט אויף עס א בייגעדיגע דרוק. דאס איז די סיבה פארוואס מען לייגט אריין אייזערנע שטעקענס (ריבאר) אינעם צעמענט, אזוי ארום באקומט מען א גוטן באלאנס פון ביידע כוחות, און עס קען פיל בעסער אויסהאלטן אלע סארטן דרוק.

ווען מיר חזר'ן אמונה און מיר גייען אין די וועגן פון אברהם אבינו, וואס האט זיך געהאלטן שטארק מיט זיין אמונה און איז דורכגעגאנגען דעם נסיון פונעם קאלך אויוון, באקומען מיר די כוחות זיך צו האלטן שטארק און זיך נישט בייגן פארן שטערקסטן דרוק; ווייל אויב מיר געבן זיך איבער פארן אייבערשטן, קען אונז קיינער גארנישט טון.

גרשון קרעמער
alemen@bletelmagazine.com - 845-445-7447



## פלאנצן קארטאפל

עס האט זיך ב"ה אנגעהויבן דער זומער סעזאן, און מען קען געניסן פון די געשמאקע ווארימע וועטערס. מען גייט ארויס אין די נאטור צווישן די גראז אוןביימער און מען שמועסט זיך אויס מיט'ן אייבערשטן; וואס קען דען זיין געשמאקער פון דעם?

אזוי ווי א שיינע צאל פון אונזערע ליינער וואוינען אין אפסטעיט אויף די בערג, וואו מען האט א שטיקל הויף ארום דעם הויז, האט מען אונז געבעטן מיר זאלן געבן בעיסיק אנווייזונגען וויאזוי צו פלאנצן פשוטע גרינצייג.

וויבאלד רוב פון אונז האבן נישט קיין שום ערפארונג אין פעלד-ארבעט, האבן מיר באשלאסן אנהויבן דאס ערשטע מיט קארטאפל, היות דאס איז עפעס וואס יעדער קען טון אליינס, מען דארף גארנישט קויפן אין קיין ספעציעלע געשעפטן, און עס וואקסט גוט אין ניו יארק. יעצט (אפריל - מאי למספרם) איז טאקע די פאסיגע סעזאן עס איינצופלאנצן.

די ערשטע זאך נעמט א פשוט'ן קארטאפל און לאזט עס ליגן אויפ'ן קאונטער פאר א וואך-צוויי. ווען איר זעט קליינע ווייסע אדער גרינע ווארצלען ארויסקומען (וואס מען רופט "אויגן"), זענט איר גרייט פאר'ן קומענדיגן שטאפל.

מען נעמט דעם קארטאפל און מען צושניידט אים אין עטליכע שטיקער, און מען מאכט זיכער צו לאזן צוויי "אויגן" אויף יעדן שטיקל. נאכ'ן שניידן לאזט די שטיקער ליגן אינדרויסן פאר 24 שעה, כדי די געשניטענע זייט זאל ווערן אביסל אויסגעטרוקנט, וואס דאס וועט העלפן אז דער קארטאפל זאל נישט פארפוילט ווערן אין די ערד.

יעצט קען מען שוין לייגן די קארטאפל אין דער ערד, אבער עס איז דא א בעסערע עצה: לייגט דעם שטיקל קארטאפל (מיט די "אויגן" ארויף) אויף דער ערד אדער אויף א שטיקל קארדבארד, און דעקט עס איבער מיט א דיקן שיכט (כאטש 6-8 אינטשעס) פון טרוקענע געשניטענע גראז אדער שטרוי.

די מעלה פון פלאנצן אין גראז איז אז עס האלט בעסער די פייכטקייט און לאזט נישט די ווילדע גראזן וואקסן.

נאך א בענעפיט איז, אז ווען עס קומט די צייט ארויסצונעמען די פארטיגע פירות, דארף מען נישט ניצן קיין שאוול; מען רוקט פשוט אוועק די גראז אין א זייט און מען האט פארטיגע, געשמאקע, פרישע קארטאפל בס"ד.

אביסל אנווייזונגען: קארטאפל האבן ליב זון (בערך 6-8 שעה א טאג) און אסאך וואסער (אבער נישט איבערגעטריבן). וויפיל וואסער? מאכט זיכער אז דער שיכט גראז איז כסדר פייכט.

נאך בערך 3-4 חדשים, ווען די בלעטער פון דעם קארטאפל-געוויקס אינדרויסן ווערן געל און הייבן אן צו ווועלקן, איז עס א סימן אז די קארטאפל אונטער דער ערד זענען שוין רייף און גרייט.

ווען דו האסט א נסיון, און עס קומט דיר אונטער צו זען עפעס וואס דער אייבערשטער לאזט נישט רח"ל.

דו ביסט אין גאס אדער אין אפיס און דו בייגסט אראפ דיינע אויגן, דו "פלאנצט איין" דיינע אויגן; כאטש דו לייגסט אראפ דיינע אויגן, קוקסטו דאך ארויף צום הימל און דו בעטסט דעם אייבערשטן ער זאל דיר העלפן און באגלייטן.

דו מאכסט זיכער עס צו האלטן כסדר פייכט, דו באגיסט עס מיט טרערן, און כאטש קיינער זעט עס נישט, וואקסט עס אונטער די ערד. זאלסטו זיכער זיין אז עס וועלן וואקסן שיינע פירות פון דיין הארעווניע.

איין קוק ווייניגער איז גאר אסאך ווערד.

# אפאר שיינע ווערטער

**בעזהשי"ת - יום ה' פרשת במדבר, ג' סיון, שנת תשע"ו לפ"ק**

לכבוד ... ני"ו

"אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו" - דאס דארפן מען זינגען און טאנצן יעדן טאג; אז ברוך השם מיר האבן אזא רבי וואס געבט אונז אזעלכע וואונדערליכע עצות וואס משיח וועט אריין ברענגען אין די וועלט, און געלויבט איז דער אייבערשטער אז מיר ווייסן עס שוין יעצט.

געדענק וואס מוהרא"ש האט גע'חזר'ט מיט אונז ביי יעדע שיעור, אז מיר זאלן זיך נישט קריגן אין שטוב, נאר מוותר זיין, און פרובירן מיט אלע כוחות נאכצוגעבן אין שטוב; מוהרא"ש זאגט אז יעדער מענטש האט קשיות אויפן אייבערשטן, אנגעפאנגען פון א בחור - וואס פרעגט: "פארוואס האב איך נאך נישט קיין שידוך?" א אינגערמאן פרעגט: "פארוואס האב איך דוקא אזא ווייב?" אבער וואויל איז דעם מענטש וואס איז זיך מבטל פארן אייבערשטן, און ער גלייבט מיט אמונה שלימה אז דער אייבערשטער ווייסט בעסער ווי אים וואס איז גוט פאר אים, און ער גלייבט אז - 'אויב האב איך נאך נישט מיין שידוך איז דאס גוט פאר מיר', און 'אז דער אייבערשטער האט מיר געגעבן אזא ווייב איז דאס גוט פאר מיר, און איך דארף פרובירן מיט אלע מיינע כוחות צו טרעפן די גוטס אין איר'.

איך בעט דיר זייער מיין טייערע חבר, זאלסט נישט מיינען קיין איין רגע אז א צווייטער האט א בעסערע לעבן פון דיר, אדער א צווייטער האט א בעסערע ווייב ווי דיר - דאס איז א גרויסער דמיון, ווייל אז דו קענסט זיך נישט אויסקומען מיט די פרוי וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן, וואלסטו זיך זיכער נישט געקענט אויסקומען מיט א צווייטע פרוי וואס דו מיינסט אז זי איז גוט פאר דיר.

דער יצר הרע האט פיינט א מענטש, און ער וויל אים הרג'ענען און צונעמען זיין לעבן; ער מאכט אז דער מענטש זאל נישט זיין צופרידן פון זיין לעבן, פון זיין ווייב און פון זיינע קינדער. ער רעדט איין פארן מענטש אז א צווייטער האט א בעסערע לעבן, א בעסערע ווייב,



# א בריוו פון דער ראש ישיבה

**עצתו אמונה במדבר תשע"ו**

בעסערע קינדער, א בעסערע דזשאב וכו'. עס איז דא אווארט אין קבלה שפראך "עירוב טוב ורע"; מוהרא"ש האט אונז אויסגעלערנט אז אלע היוכע ווערטער איז פאר אונז געזאגט געווארן, און מיר קענען עס פארשטיין. "עירוב טוב ורע" מיינט, אז ווען אדם הראשון האט געגעסן פונעם "עץ הדעת" איז געשען א "עירוב טוב ורע", אז יעדער מענטש מיינט: 'ביי מיר איז שלעכט, און ביי יענעם איז גוט'; מען מיינט אז די "טוב" איז ביי יענעם, און דער "רע" איז ביי מיר. אנשטאט מען זאל טראכטן אז ביי מיר איז ב"ה גוט, און ביי יענעם ווייס איך נישט, און איך וויל נישט וויסן; טראכט מען די גאנצע צייט: 'פארוואס ביי מיר איז נישט גוט?' 'פארוואס האב איך באקומען אזא ווייב וכו'?' אנשטאט מען זאל זיין פרייליך, און לויבן דעם אייבערשטן אויף וואס מען האט, און אויף וואס מען האט נישט - מחלות און שוועריקייטן וואס מענטשן מאכן נעבעך מיט רח"ל.

א ברסלב'ער חסיד גייט שטענדיג ארום מיט א שמייכל, און טאנצט און זינגט און לויבט דעם אייבערשטן; איך האב געהערט פון א ברסלב'ער איד, א תלמיד "היכל הקודש" א מורא'דיגע ווארט; עס איז דא א אויסדרוק וואס מענטשן זאגן: "אלעס אינאיינעם, איז נישט דא ביי קיינעם", האט ער געזאגט: "אלעס אינאיינעם איז נישט דא ביי קיינעם, אויסער ביי איינעם; ביי מיר", און ער זינגט דאס מיט זיין ווייב און קינדער און פאר זיינע חברים; וואס זאל איך דיר זאגן, עס האט אלע חן אויף דער וועלט ווען א מענטש וואס קען קוים דורך שטופן די וואך, און קוים וואס ער האט אויף שבת צו מאכן, און מיט דעם אלעם גייט ער ארום אזוי פרייליך, און זינגט: **"אלעס אינאיינעם איז נישט דא ביי קיינעם, אויסער ביי איינעם; ביי מיר".**

דערפאר זע אויך צו זינגען דעם ניגון: "אלעס אינאיינעם איז נישט דא ביי קיינעם, אויסער ביי איינעם; ביי מיר" - וועסטו האבן אלעס גוטס. ר' נתן האט געזאגט: "ווען דער אייבערשטער הערט ווי א מענטש דאנקט אים און ער לויבט אים, זאגט ער פאר די מלאכים: "קוקט אן דעם איד, ער האט גארנישט און ער דאנקט מיך, איך וועל אים ווייזן וואס גוטס מיינט", און פארקערט איז אויך אזוי, אז דער אייבערשטער הערט ווי איינער הערט זיך נישט אויף אפצורעדן זאגט ער: "איך וועל אים ווייזן וואס שלעכטס מיינט".

איך בעט דיר, זיי פרייליך מיט די ווייב און מיט וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן; געדענק ווען דו ביסט געווען א בחור האסטו נישט געוואלט לעבן, האסט נאר געוואלט חתונה האבן, נו, האסט דאך שוין חתונה געהאט, זיי פרייליך! טראכט נישט: "מע, מיין ווייב איז א שלעכטע, א עקעלדיגע וכו'", נאר זוך אויף א נקודה טובה, און זיי איר דן לכף זכות. מען גייט שוין באלד אהיים, און עס איז א שאד פאר די פאר יאר וואס מיר לעבן, אז מיר זאלן זיך קריגן און בלאזן איינער אויפן צווייטן.

יעצט לכבוד יו"ט שבועות זע צו קויפן פאר דיין ווייב א שיינע זאך, און שיינע בלומען; און דער עיקר שרייב איר א קליינע צעטעלע מיט אפאר שיינע ווערטער, ווי למשל:

**יישר כח מיין טייערע ...**

**דו ביסט מיין לעבן.**

**איך האב דיר ליב.**

**איך דאנק דיר פאר אלעס וואס דו טוסט פאר מיר און פאר די קינדער.**

וכל המרבה הרי זה משובח; עס דארף נישט גראמען, עס דארף נאר זיין פון הארץ, און אז עס איז נישט דא א הארץ מאכט מען זיך א הארץ. אזוי ווי רבי נתן האט געזאגט פאר איינעם וואס האט אים געפרעגט: "ווי נעמט מען א הארץ?" האט אים ר' נתן געזאגט: **"דו האסט אויך א הארץ, נאר דו באהארצט עס נישט".**

וואס זאגט דער רבי נאך די מעשה פונעם חכם און תם? "פארשטיי גוט ווי אזוי מען קען האבן א גוט לעבן" עיין שם.

**א גוטן טאג.**



# פּשרה'לאך

**אין**

***קורצן פון פריער:*** *ר' יעקב יוסף הערמאן שטעלט אויף זיין הייליגע שטוב אין די טמנ'א גאסן פון אמעריקע.*

*זיין טיר איז געווען אפען פאר יעדן גאסט. און יעדן ערליכן איד וואס איז געקומען קיין אמעריקע.*

*ער מאכט חתונה די קינדער יונג און נאר צו ערליכע בחורים.*

***און יעצט ליינט ווייטער.***

רבי יעקב יוסף פלעגט אלעמאל נוצן דעם אויסדרוק: "איך בין א סאלדאט פאר'ן בעל הבית (BOSS)". ער האט געטון זיין ארבעט ווי אן עבד נאמן. ווען רבי יעקב יוסף האט געזען א פירצה וואס האט פארלאנגט א חוב מחאה, האט ער נישט געקוקט אויף קיינעם, נאר געטון וואס איז ריכטיג.

רבי יעקב יוסף האט פארמאגט די געוואלדיגע שלימות פון מדת החסד, ווי מיר זעען פון זיין ברייטהארציגע הכנסת אורחים, אינאיינעם מיט די שטארקע מדת הגבורה, ווי מען זעט פון זיין פעסטקייט נישט אפצוטרעטן א ריר פון די הייליגע תורה.

איין שבת אינדערפרי איז רבי יעקב יוסף אהיימגעקומען פון שול זייער צושטורעמט. ער האט באגריסט זיין ווייב און איר געזאגט: "איך דארף ערגעץ צוגיין. זעץ אראפ די אורחים זיי זאלן זיין באקוועם, איך קום שוין צוריק."

איידל, וועלכע האט שוין גוט געקענט איר מאן, האט אריינגעשושקעט פאר רוחמה אין אויער: "רוחמה, באגלייט דעם טאטן; שטיי אים צו דער האנט אויב ער דארף הילף."

רבי יעקב יוסף איז געגאנגען מיט איילענדיגע טריט ביז ער איז אנגעקומען צום 'יאנג איזרעאל' שול, וואו מען האט פונקט דאן געענדיגט דאס ליינען.

רבי יעקב יוסף איז שנעל אריין אין שול, און אן ווארטן קיין איבעריגע מינוט איז ער ארויף אויף דער בימה, געגעבן א קלאפ און אויסגערופן: "אינדרויסן הענגט א שילד וואס מעלדט אז היינט נאכט וועט דא פארקומען א געמישטע פארברענג. דאס איז אסור על פי תורה! מעקט אויס די ווערטער 'יאנג איזרעאל' אדער די ווערטער 'געמישטע פארברענג'. די צוויי זאכן גייען נישט אינאיינעם!"

ווי נאר רבי יעקב יוסף האט געענדיגט רעדן, האבן אויסגעבראכן קולות אין שול. מען האט געהערט שרייען: "ווארפט אים ארויס!"

צוויי געבויטע יונגע לייט זענען צוגעקומען צו אים, אים אויפגעהויבן, און פשוט אזוי ארויסגעטראגן פון שול.

"טאטע, דו פילסט נישט פארשעמט?" האט רוחמה, וועלכע האט באגלייט איר פאטער, אים געפרעגט.

"ניין!" האט רבי יעקב יוסף געענטפערט מיט שטאלץ, "איך ווייס נישט אויב מיינע ווערטער וועלן אויסמאכן, אבער א איד דארף טון וואס איז ריכטיג און מוחה זיין."

**א שולחן ערוך איד**

רבי יעקב יוסף האט נישט געזוכט די מצוה פון מחאה; ער האט געזוכט אויסצופירן יעדן סעיף אין שולחן ערוך. רבי יעקב יוסף האט מקיים געווען די משנה "במקום שאין אנשים השתדל להיות איש." ער האט געזען וואס עס פעלט אויס און נישט געווארט אז א צווייטער זאל דאס טון, נאר ער האט געטון למעשה.

ווען רבי יעקב יוסף האט געזען אז אסאך אידן זענען נישט נזהר אין הלכות פסח צוליב דעם מאנגל אין כשר'ע פראדוקטן, האט ער געעפנט א קליינע



ת. מאנן 18

'קאמפעני'
פון די נויטיגסטע פראדוקטן און איז ארומגעגאנגען צווישן די הייזער פארקויפן זיינע כשר לפסח פראדוקטן.

רבי יעקב יוסף האט זיך אויסגעלערנט וויאזוי צו דערקענען שעטנז אין קליידער, און אזוי ארום האט ער אפגעהיטן אסאך אידן פון נכשל ווערן אין דעם איסור.

איינמאל איז א גרויסער פראפעסאר געקומען צו אים אינדערהיים. רבי יעקב יוסף האט באטראכט זיין דזשעקעט און חושד געווען אז דאס איז שעטנז. ער האט זיך געווענדן צום פראפעסאר: "געבט מיר ביטע אייער דזשעקעט פאר איין מינוט."

דער פראפעסאר האט נישט געוואוסט וואס רבי יעקב יוסף וויל פון אים, אבער נאך פאר ער האט זיך אוריענטירט, האט רבי יעקב יוסף שוין אונטערזוכט דעם בגד און געזען אז עס איז טאקע שעטנז.

דער פראפעסאר איז געווען אינגאנצן צעמישט, אבער רבי יעקב יוסף האט אים געזאגט: "דא האט איר אן אנדערע דזשעקעט דערווייל. איך וועל ארויסנעמען דעם שעטנז און מיין שניידער וועט דאס פארריכטן גאר פראפעסיאנעל." ער האט מסביר געווען פארן פראפעסאר דעם חומר האיסור פון שעטנז און אים אנגעבאטן צו ברענגען אלע זיינע קליידער איבערצוקוקן.

דער פראפעסאר האט טאקע אזוי געטון, און צוביסלעך האט ער זיך געלערנט מער און מער הלכות, ביז ער איז געווארן א פולקומער בעל תשובה און איז געפארן קיין ישיבת מיר לערנען תורה.

**קדושת השבת**

איין וואך פרייטאג צונאכטס האט א פאליציאנט אריינגעקלאפט צו די הערמאן משפחה. "מיסטער הערמאן, מיר זענען געקומען אייך זאגן אז אייער געשעפט ברענט!"

ר' יעקב יוסף האט זיך באדאנקט און דאן געזאגט: "איך וועל יעצט נישט אהין גיין, ווייל עס איז שבת ביי אונז."

"איך פארשטיי נישט," האט דער פאליציאנט געשטוינט, "דיין ביזנעס ברענט און דו ווילסט ניטאמאל קומען קוקן?"

מען האט יענעם שבת גארנישט אנגעזען אויף רבי יעקב יוסף אז עפעס גייט אריבער אויף אים. עס האט אויסגעזען ווי ער האט פארגעסן פון די גאנצע מעשה.

מוצאי שבת איז רבי יעקב יוסף אריבער צו זיין פעל-געשעפט. צו זיין שטוינונג איז עס געשטאנען גאנץ פונקט ווי פאר שבת. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די פאליציי האט געמאכט א טעות; דאס געשעפט וואס האט אפגעברענט איז געווען פונעם שכן.

די אינשורענס האט דאן פארלאנגט פון רבי יעקב יוסף צו בויען אן אינסולירטע פייער-וואנט, וואס וועט נישט ערמעגליכן פאר א פייער זיך אריבערצוכאפן פון איין געשעפט צום צווייטן.

רבי יעקב יוסף האט טאקע אזוי געטון, אבער ווי נאר מען האט געענדיגט בויען, האט ער אביסל געעפנט דעם פענסטער פונעם אונטערשטן חלק פון זיין געשעפט. "איך וויל זיך נישט פארלאזן אויף שוץ-מיטלען," האט ער מסביר געווען פאר די קינדער, "איך בין טאקע מחויב צו טון השתדלות, אבער דער וואס באשיצט אונז איז נאר דער אייבערשטער, און נאר אויף אים קענען מיר זיך פארלאזן."

רוחמה איז געווען א געזונט מיידל מיט אסאך חבר'טעס. ווען עס איז געקומען זומער, פלעגן אירע חבר'טעס גיין קיין קאוני איילענד צום 'ביטש' (וואסער) שווימען.

"אלע" חבר'טעס עלטערן האבן זיי געלאזט גיין, און רוחמה האט שטארק געמוטשעט די מאמע אז זי וויל נישט זיין אנדערש ווי יעדן; זי קוקט אזוי ארויס צו פארברענגען ביי די געשמאקע וואסער מיט די חבר'טעס.

ווען דער טאטע איז אריינגעקומען, האט רוחמה פארגעלייגט אירע טענות: "איך בין נאך נישט קיין ערוואקסענע פרוי, איך וויל זייער גיין קיין קאני איילענד."

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## נאך יסורים ביטע

אין די צייטן פון הייליגן צדיק דער רש"ש, רבי שלום שרעבי זכותו יגן עלינו, איז געווען א איד וואס איז ליידער געווען זייער צובראכן און פול מיט יסורים. ער האט געהאט זייער א שווער לעבן; א גרויסע ארימקייט האט געהערשט ביי אים אין שטוב, ער האט געהאט גאר אסאך חובות, און געהאט פול מיט עגמת נפש פון זיינע קינדער. נישט נאר דאס, נאר מענטשן האבן גערעדט אויף אים כל דבר אסור, ביז עס איז אנגעקומען צו א מצב וואס ער האט געפילט אז ער קען שוין מער נישט אויסהאלטן.

איין טאג קומט ער אהיים און זאגט פאר זיין ווייב: "מיין טייערע ווייב, איך האלט עס מער נישט אויס! איך פיל ווי מיין נשמה פליט שוין ארויס פון מיר, איך פלאץ!" האט זי אים געזאגט: "הער זיך צו, ביי אונז אין שטאט האבן מיר א הייליגן געטליכן מאן, רבי שלום שרעבי, דער הייליגער רש"ש, וואס זיצט א גאנצן טאג אין זיין שטוב און לערנט די הייליגע תורה. ער איז דבוק צום הייליגן באשעפער און ער איז מייחד יחודים; גיי צו אים, אזא הייליגער צדיק קען דיר זיכער העלפן." דער איד האט אויסגעהערט אירע רייד און זיך ארויסגעלאזט אין די ריכטונג פונעם צדיק'ס הויז. ער קלאפט אויפן טיר, די רעבעצין עפנט אויף און זאגט: "מיין מאן האלט יעצט אינמיטן לערנען, איך קען אים נישט שטערן. ווארט דא ביז ער וועט ענדיגן לערנען, דעמאלט וועט איר קענען רעדן צו אים."

דער איד האט זיך דארט געזעצט אינגאנצן צובראכן און פארקלעמט, טראכטנדיג צו זיך: "אויב דער חכם, דער רש"ש, וועט מיר נישט קענען העלפן, וועט מיין נשמה פשוט ארויספליען פון גרויס צרות און פיין." אזוי זיצנדיג איז דער איד איינגעשלאפן, און ער זעט אין זיין חלום ווי ער געפינט זיך אין א גרויסן פעלד; ער הייבט אן צו גיין, ער גייט און גייט און עס ענדיגט זיך נישט. ער וויל צוריקגיין, אבער ער ווייסט נישט דעם וועג צוריק.

פלוצלינג הערט ער וועגענער קומען, און ער זעט אויף זיי פילע סארט מלאכים: פעטע מלאכים, ווייסע מלאכים, און אזוי ווייטער. נאכדעם זעט ער הינקעדיגע מלאכים, בלינדע מלאכים, וכדומה. ער פארשטייט נישט און כאפט נישט וואו די וועגענער פארן; ער גייט ווייטער און זיי פארן נאך אים.

דערנאך זעט ער וועגענער מיט שווארצע מלאכים און ער האט זיך זייער דערשראקן. דארט אויפן וואגן האט ער געזען קליינטשיגע, בלינדע, הינקעדיגע און שטימע מלאכים. די אלע וועגענער פארן ביז ער קומט אן צו א פלאץ וואו עס איז געשטאנען א גרויסע וואגשאל, און דארט האבן זיך אלע אפגעשטעלט.

דער איד פרעגט: "וואס איז דאס?" האט מען אים געענטפערט: "דא איז דעם בית דין של מעלה, וואו מען משפט דעם מענטש אויף זיינע מעשים." האט ער געפרעגט: "וועם משפט מען יעצט?" האט מען אים געענטפערט: "דיך!" און מען הייבט אן: אויף איין זייט וואגשאל לייגט מען ארויף די ווייסע מלאכים, און אויף די אנדערע זייט די שווארצע מלאכים. עס כאפט אים א פחד און א שרעק, ווייל ער זעט ווי די שווארצע מלאכים וועגן איבער. פלוצלינג הערט ער ווי דער בית דין של מעלה רופט אויס: "איין רגע, ברענגט אויך זיין צער און יסורים!" מען הייבט אן ברענגען אלע זיינע מיטמאכעניש, אלע זיינע צרות, שוועריגקייטן און יסורים, און מען האט דאס אלעס געלייגט אויף די זייט פון די ווייסע מלאכים. מען ברענגט און מען ברענגט, און דער איד ווערט פרייליך, ווייל ער זעט ווי עס הייבט אן איבערצוואועגן מער און מער, ביז מען האט געענדיגט ברענגען. דער בית דין של מעלה פרעגט: "איז דאס אלעס?" און מען ענטפערט: "יא, דאס איז עס!"

אבער דעם איד האט געכאפט א שרעק, ווייל די שווארצע מלאכים האבן נאך אלץ איבערגעוואויגן אביסל מער. דער בית דין האט אויסגערופן: "פיין, יעצט קען מען דיר שוין דן זיין!" ווי נאר דער איד האט דאס געהערט, האט ער אויסגעשריגן אינמיטן זיין חלום: "אוי וויי! נאך יסורים, נאך יסורים! הלוואי וואלט איך געהאט נאך יסורים!"

ווי נאר דער הייליגער רש"ש האט געהערט ווי דער איד שרייט, איז ער געקומען צו לויפן, אים אנגעכאפט און געפרעגט: "ר' איד, וואס איז מיט אייך? וואס גייט פאר? וואס שרייט איר?" דער איד האט זיך אויפגעוועקט און געכאפט אז ער געפינט זיך יעצט אין שטוב פונעם צדיק. דער רש"ש האט אים געפרעגט: "וואס ווילט איר פון מיר? וויאזוי קען איך אייך העלפן?" האט דער איד געענטפערט: "רבי, איך דארף שוין גארנישט, איך גיי אהיים; איך האב שוין נישט קיין טענות אויף די יסורים." דאס איז געווען ווייל דער איד האט איינגעזען וואס יסורים טוען אויף פאר א מענטש, ווי אזוי דאס לייטערט אויס דעם מענטש און דינט אלס א כפרת עוונות.

*שיחות מוהרא"ש חלק יד' ערך יסורים*



## דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

## קנ"ט

# פארזעצונג פון פריער:

**ר' שִׁמְעוֹן, אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז גֶעוֶוען פַארְוָואגְלְט פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר, און עֶר קוּמְט צוּרִיק אַן צוּם רֶבִּי'ן.**

אֵיין טָאג אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ גֶעוִויסֶע דָארְף און אִיז אַרַיין דָארְט צוּ אַ אִיד אִינְדֶערְהֵיים, דִי מַאמֶע הָאט זִיךְ דָארְט זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג, און גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט נָאר גֶעעֶפְנְט דִי טִיר און אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט זִי גֶעבּוֹירְן אַ אִינְגְל לְמַזָל טוֹב, און דֶער אִיד הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דֶער ר' שִׁמְעוֹן אִיז זִיכֶער אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק און דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אִים אוֹיפְגֶעהַאלְטְן דָארְט פַאר אַכְט טֶעג בִּיז צוּם בְּרִית וֶוען עֶר הָאט אִים מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט סַנְדְקָאוּת.

דֶערְנָאךְ אִיז ר' שִׁמְעוֹן וַוייטֶער גֶעפָארְן בִּיז עֶר אִיז צוּרִיק אָנְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה און מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין. און דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט פּוּנְקְט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דֶעם שְׁמוּעֶס אִיבֶּער שִׂמְחָה און אִיבֶּער דִי נֶעמֶען פוּן מֶענְטְשְׁן.

מִיט דֶעם קֶען מֶען שׁוֹין גוּט פַארְשְׁטֵיין דִי רֵייד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט גֶעזָאגְט "שִׁמְעוֹן אִיז דִי אוֹתִיוֹת 'עָוֹן מָשׁ'", וָואס דָאס מֵיינְט "עֶס אִיז אָפְּגֶעטוּן פוּן אִים דִי זִינְד", אַז ר' שִׁמְעוֹן אִיז שׁוֹין אַלֶעס אָפְּגֶעקוּמֶען.

שְׁפֶּעטֶער, וֶוען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען שׁוֹין אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, נָאר ר' שִׁמְעוֹן אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן, הָאט עֶר אָנְהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַלֶעס וָואס אִיז אוֹיף אִים אַרִיבֶּער דִי אַלֶע יָארְן, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ פַארְ'ן רֶבִּי'ן, און עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵק גֶעוֶוען, עֶר הָאט אִים דֶערְמַאנְט וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן (זֶע פְרִיעֶר אִין סִימָן ס"ז), און אִינְצְוִוישְׁן הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "זָאלְסְט וִויסְן אַז דֶער זֶעלְבֶּער חִילוּק וָואס אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַנְדֶערְשׁ פוּן דֶעם טָאג וָואס אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בִּיז דֶעם טָאג וֶוען דוּ בִּיסְט אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן מִיר, דֶער זֶעלְבֶּער חִילוּק אִיז דָא פוּן דֶעם טָאג וֶוען דוּ בִּיסְט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן מִיר בִּיז יֶעצְט", אַרוֹיסְבְּרֶענְגְדִיג מִיט דֶעם צוּ וָואסֶערֶע הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת דֶער רֶבִּי אִיז אַלְץ צוּגֶעקוּמֶען, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען כְּסֵדֶר פוּן אֵיין מַדְרֵיגָה צוּם צְוֵוייטְן, הֶעכֶער און הֶעכֶער, בִּיז עֶר אִיז שׁוֹין אַרוֹיף אַזוֹי הוֹיךְ אִין דִי יָארְן, אַז עֶס אִיז דִי זֶעלְבֶּע חִילוּק פוּן יֶענֶע צַייט בִּיז יֶעצְט, אַזוֹי וִוי פוּן זַיין גֶעבּוֹירְן בִּיז צוּ יֶענֶע צַייט.

יֶעדֶער מִיט אַ מֹחַ אִין קָאפּ קֶען פוּן דֶעם אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין און אוֹיפְכַאפְּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; וֶוען ר' שִׁמְעוֹן אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּי'ן אִיז דָאס שׁוֹין גֶעוֶוען נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און נָאךְ אַלֶעס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַרִיבֶּער פַארְדֶעם, דִי אַלֶע גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן, דִי וִוינְדֶערְלִיכֶע פִּלְאֵי פְּלָאִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אַלְץ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גָאר גְרוֹיסֶע הַשָּׂגוֹת וָואס מֶען הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען און גֶעהֶערְט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

און דָאס אִיז גֶעוֶוען נָאךְ אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און דֶערְנָאךְ דִי אַלֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער, דִי צָרוֹת און שְׁוֶועריקֵייטְן, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיטְגֶעמַאכְט בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל און צוּרִיק קוּמֶען פוּן דָארְט בְּשָׁלוֹם, און דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט דָארְט מַשִׂיג גֶעוֶוען, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז מַמָשׁ גָארְנִישְׁט אַנְטְקֶעגְן וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן נָאכְדֶעם, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט מִיט זַיינֶע תּוֹרוֹת און הַשָּׂגוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר וַוייטֶער אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אַלֶעמָאל נָאךְ הֶעכֶער און הֶעכֶער יֶעדְן טָאג און יֶעדֶע שָׁעָה, און אִין דִי צַייט וֶוען ר' שִׁמְעוֹן אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן אִים אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַסַאךְ יָארְן נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען קֶען זִיךְ אַבִּיסֶעלֶע פָארְשְׁטֶעלְן און פַארְשְׁטֵיין וִוי גְרוֹיס דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# מעשיות פון תפילה



**משה שמואל שטעסל** ירושלים

איך האב אלעמאל געטראכט אז איך וויל זיין שבת פאר ל"ג בעומר זיין דא שבת אין מירון, איך האב זייער שטארק געצויגן צו דעם. און יעדע מאל וואס איך האב געלערנט שבת אינדערפרי "זהר הקודש", האב איך געטראכט אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועל איך זיין ל"ג בעומר אין מירון אויך אויך א שבת פארדעם.

ס'איז געווארן נענטער, איך האב געדינגען א דירה אין מירון פאר שבת, אבער איך האב געדארפט צום סוף קענסלען, און איך האב געזען אז איך קען נישט פארן. האב איך מיר דעמאלט געכאפט אז איך האב נישט געבעטן דעם אייבערשטן אויף דעם. בין איך געגאנגען אין א זייט, און איך האב געזאגט, "אייבערשטער, איך ווייס אז די גאנצע זאך פארוואס עס זעט מיר אויס אז איך קען נישט פארן איז וועגן די ווארטסט אויף מיינע תפילות, בעט איך דיר הייליגע באשעפער איך זאל קענען זיין אין מירון אויף שבת און אויף ל"ג בעומר."

למעשה ס'האט זיך גארנישט געריכט. שפעטער האב איך נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן, און נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן. אלע תפילות צוזאמען האט זיך צאמגעזאמלט, און ברוך השם איך האב געקענט פארן, און איך שטיי דא ערב שבת קודש, ליל שישי, שבת אויפרוף אין מירון.

ס'איז א געוואלדיגע הרגשה וואס מען שפירט דא אין מירון, מ'קען עס נישט מסביר זיין. מ'גייט אי"ה מאכן א סיום אין מירון אויף תיקוני זוהר, און זיך אויסבעטן אלעס גוטס.

**א איד פון** ברוקלין

מיין טעלעפאון האט פלוצלינג אפגעמאכט אז ער האלט זיך מער נישט ביים טשארדזשן.

איך האב פרובירט איין טשארדזשער נאכן צווייטן, אבער גארנישט ארבעט נישט.

אפילו אין שול האב איך פרובירט אן אנדערן טשארדזשער, אבער עס האט נישט געהאלפן און דער טעלעפאון האט זיך נישט געוואלט אנצינדן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל צוריק אנהייבן ארבעטן. אינמיטן איז מיר בייגעפאלן אז אפשר איז עס עפעס מיט די בעטערי; איך האב עס געעפנט, אויסגעבלאזן, צוריקגעלייגט, און יא - פלאי פלאים - עס האט זיך אנגעצונדן.

אבער די מעשה ענדיגט זיך נישט דא. עס האט טאקע אנגעהויבן ארבעטן, אבער עס האט זיך נאך אלץ נישט געוואלט טשארדזשן מיט קיין שום טשארדזשער וואס איך האב אריינגעלייגט.

האב איך אנגעהויבן פון פריש בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל נישט דארפן יעצט קויפן א נייע טעלעפאון, נאר דער טעלעפאון וואס איך האב זאל ווערן פארראכטן און זיך אנהייבן צו טשארדזשן ווי נארמאל.

און יא, נאכן בעטן דעם אייבערשטן, האט ער אפגעמאכט אז ער גייט יא אנהייבן צו ארבעטן ווי געהעריג.

שכח אייבערשטער.

# א ווארט צוויי

זאצן וואס
פארדינען
שטערכלער

• בערל שניצלער

שיקט אריין אייער ווארט צוויי צו: avorttzvei@bletelmagazine.com

## זיך איסוויינען בדיעבד

”אז מ'שטייט אויף פארטאגס מעג מען זיך נאך אויסוויינען צום אייבערשטן, אויב ביסטו אויפגעשטאנען שפעט איז שוין נישט דא קיין קרעכצן, נאר דאנקען דעם אייבערשטן און זיין פריילירך!...”

**דער ראש ישיבה שליט"א אין א תודה והודאה שמועס ביים קידוש נאכן ברית פון הילד בנימין בייניש בן ר' חיים ישעי' דעפריס הי"ו**

## והמפיץ יפיץ

הפצה ביי די גרויסע MJU עקספא אין מונטריאל



## אן קיין געפיל

פאריגע וואך האט מען געלערנט אינעם דף (מנחות קו:): ”אי אתה מקריב לשם ריח ניחוח, אבל אתה מקריב לשם עצים.”

קען מען אריינטייטשן א שטארקע לימוד, צומאל שפירט א מענטש זייער צובראכן, 'איך טו וואס מ'פארלאנגט, איך דאוון איך לערן, איך פאלג די אנווייזונגען, אבער איך שפיר גארנישט, אן קיין געפיל, מיט אזא קאלטקייט', זאגט אים די גמרא ”אי אתה מקריב לשם ריח ניחוח” - דו דארפסט גארנישט שפירן יעצט, ”אבל אתה מקריב לשם עצים” דו דארפסט זיך נאר צוהערן צו די 'עצות' פון די צדיקים, וואס דערמאנען אונז אז א קליינינקייט דא מאכט אזא רושם אויבן, און מיט סבלנות וועלן די געפילן נאכפאלגן.

ומכאן ואילך יערב לכם!

**ר' יחיאל הורוויץ טייטשט אריין די גמרא, אין א פשט וואס דערמאנט וואס דער ראש ישיבה האט איסגעשמועסט ביי א שיעור חנוכה אין ישיבה פאר די בחורים וואס צינדן די מנורה אן געפילן: ”וועט ס'געשעט א בלעקאוט און דו גייסט אראפ אין א שטויביגע טינקעלע בעיסמענט אנצינדן די ברעיקער פון אויבן, שפירסטו אויך גארנישט, ביי דיר בלייבט די זעלבע טינקל און שטויביג, אבער דו ווייסט אז אויבן האט אלעס אנגעהויבן שיינען און לייכטן.”**

## דער ראש ישיבה האט געזאגט:

### שקר וכזב

”אויב דיין גאנצע מאטיוואציע נעמסטו פון זיך צוברעכן, פון טראכטן אז דו ביסט אזוי וייט פונעם אייבערשטן און וועט וועט שוין עפעס זיין פון דיר, דאן דארפסטו טרעפן עפעס אנדערש וואס זאל דיך טראגן אין לעבן, ווייל ס'איז א בלויזע ליגנט, דו ביסט זייער חשוב ביים אייבערשטן.”

**פייערדיגע דיבורים בעת רעוא דרעוין אין בית מדרש רחוב ירושלים אין קרית ברסלב ליבערטי, פארלאפענעם שבת קודש אמור**

# פרנס השנה

מו"ה
יצחק אייזיק
ראטה
הי"ו

מו"ה
שלמה זלמן
גלאנשטיין
הי"ו

הרוצה
בעילום
שמו

מו"ה
יקותיאל
פעלדמאן
הי"ו

הרוצה
בעילום
שמו

מו"ה
זלמן לייב
מייזעלס
הי"ו

מו"ה
מאיר
וויזעל
הי"ו

מו"ה
יעקב
האלפערן
הי"ו

## פרנס החודש

### ניסן

לע"נ ר' צבי הירש
בן ר' בנימין אייזיק ע"ה

לע"נ ר' יצחק
בן ר' אברהם ע"ה

מו"ה יחזקאל
זיגלער הי"ו

### סיון

מו"ה ראובן
בירנבוים הי"ו

מו"ה אפרים
פעלדמאן הי"ו

מו"ה בניהו
אונגאר הי"ו

### אב

מו"ה יעקב
שאול פיש הי"ו

מו"ה שלמה
יאקאבאוויטש הי"ו

מו"ה אלי
קנאלל הי"ו

### אייר

לע"נ אברהם חיים אלטר
בן ר' ידידיה ע"ה

מו"ה אשר
לעווי הי"ו

מו"ה משה
האמער הי"ו

### תמוז

הרוצה
בעילום שמו

מו"ה יהודה אריה
ראטה הי"ו

### אלול

מו"ה עלי
מזרחי הי"ו

מו"ה לוי יצחק
זאפיר הי"ו

הרוצה
בעילום שמו

מיר ווילן אויס
הכרת הטוב
הנכבד פאו

חודש

לע"נ ר' אברה
בן ר' ידי

מוה" אשר

מו"ה משה ה

דער אייבער
העלפן אז אין
און פארשפ
הייליגן רבינ'
דיר דער א
ערפילן כל מ



*sruliHeskel

# פרנס השנה

מו"ה
דוד
טשינגל
הי"ו

מו"ה
מרדכי
היימליך
הי"ו

מו"ה
מרדכי לייב
טירנויער
הי"ו

מו"ה
ישראל דוד
העסקעל
הי"ו

מו"ה
אברהם
שבתי
מזרחי
הי"ו

מו"ה
אשר לעמיל
זוסמאן
הי"ו

מו"ה
שלמה
לאנדא
הי"ו

מו"ה
יואל
אפענהיים
הי"ו

## פרנס החודש

### תשרי

מו"ה שלמה
בריסק הי"ו

מו"ה אהרן
וועבערמאן הי"ו

מו"ה חיים ישעי'
דעפריס הי"ו

### כסלו

הרוצה
בעילום שמו

מו"ה שאול חיים
איינהארן הי"ו

### שבט

מו"ה שלום יצחק
מאסרי הי"ו

מו"ה יוסף הכהן
פריעדמאן הי"ו

### חשון

מו"ה דוד
מץ הי"ו

מו"ה יואל
ראזענבערג הי"ו

מו"ה נחמן נתן
בוים הי"ו

### טבת

מו"ה יואל
מארקאוויטש הי"ו

מו"ה משה
עקשטיין הי"ו

### אדר

מו"ה יואל
טייטלבוים הי"ו

הרוצה
בעילום שמו

מו"ה אפרים אשר
הלוי ענגליש הי"ו

סדריקן אונזער
פאר ידידינו
רן מנדב זיין

### ר אייר

הם חיים אלתר
ידיה ע"ה

לעווי הי"ו

האממער הי"ו

רשטער זאל
זכות פון דרוקן
פרייטן דעם
ס ספרים זאל
ייבערשטער
משאלות לבך.

# געדאנקען

## בענענע מיט סקאטש טעיפ

ווען איר גייט אריין אין וואלמארט געשעפט אין מאנטיסעלא איז דאס אוודאי און אוודאי נישט זייער איינציגע געשעפט.

זיי האבן פינעף טויזנט אזעלכע געשעפטן איבער די לענג און ברייט פון אמעריקע.

און נאך פינעף טויזנט געשעפטן איבער די וועלט.

יא, זיי האבן צען טויזנט ריזיגע מעגע מעגע סטארס.

וואלמארט איז די העכסטע אויף די ליסטע פון איינקונפטן (וויפל דאלער ווערט סחורה זיי פארקויפן).

די איינקונפטן פון וואלמארט איז 700 ביליאן טאלער א יאר.

די פראפיט איז 20 ביליאן טאלער.

דאס איז אזוי ווי איינער דארף נעבער דרייען 7 מיליאן אהיים צו ברענגען א נישטיגע 2000 א וואך, אוי טאטע אין הימל האב רחמנות אויף אידישע קינדער.

וואס פארקויפט וואלמארט די מערסטע?

יא! געטראפן!

די אייטעם וואס איז די ערשטע אויף די ליסטע אין וואלמארט איז אונזער אלעמען באקאנטער געלע איינגעבויגענע חן'עוודיגע באנאנע!

זיי שמייסן ארויס זיבן ביליאן בענענעס א יאר!

די אמעריקאנער פאלק עסט 50 ביליאן בענענעס א יאר.

א זיבעטל דערפון קויפט מען אין וואלמארט!

בענענעס איז די ערשטע אויף די ליסטע פון פרוכט אין אמעריקע.

די אמעריקאנער עסן דאס מער ווי עפלער און מאראנצן.

וועלכע ברכה מאכט מען אויף באנאנעס?

די באנאנע ארבעט אזוי אז ווען מען קוקט אויף די בוים וואס געבט ארויס די פירות, זעט מען אז יעדן יאר ווערט עס אויס.

אבער עס איז נישט ווי א אוגערקע וואס מען דארף פלאנצן יעדן יאר.

די באנאנע ווערט נישט איבערגעפלאנצט יעדן יאר.

מען פלאנצט עס איינמאל און עס געבט פירות יעדן יאר.

יעדן יאר וואקסט ארויס פון די באנאנע שורש א כמו בוים וואס געבט ארויס די חן'עוודיגע איינגעבויגענע באנאנעס, דערנאך ווערט דער כמו בוים פארוועלקט און ווערט אויס כאלו מען וואלט עס געדארפט איבערפלאנצן קומענדיגן יאר, אבער למעשה בלייבט

**משה אריה שניצלער**

א חיות אין די שורש און קומענדיגן יאר וועט ארויסקומען בעזר השם א נייע כמו בוים וואס וועט ארויסגעבן חן'עווידיגע נארהאפטיגע איינגעבויגענע באנאנעס.

מיר רופן דאס מיט'ן נאמען כמו בוים ווייל עס האט נאר די אויסזען ווי א בוים, אבער די אינעווייניג פון די כמו בוים איז נישט האלץ, עס איז א מין סארט הארטע בלעטער וואס שטייען צונויפגעדרוקט ביז א צוויי דריי שטאק הויך, זיי זעען אויס ווי אלגעמיינעביימער אבער זיי זענען נישט פון האלץ און זיי ווערן יעדן יאר פארוועלקט ביז גאנץ אונטן ביים שורש.

דאס איז די סיבה וואס אין אסאך מקומות מאכט מען א בורא פרי האדמה, כאטש עס זעט אויס ווי א בוים, וויבאלד דער שטייעדיגער שטאם וואס איז די מקור פון די פרי בלייבט נישט פון יאר צו יאר.

(איך שרייב נישט להלכה ווי זיך צו פירן, כ'האב נאר געוואלט דערמאנענען אז ס'איז האלב דומה צו א בוים און האלב דומה צו א ירק).

און וויפל האנטוכער פארקויפט וואלמארט אין איין יאר?

בעסער געזאגט וויפל האנטוכער פארקויפט וואלמארט אין איין טאג?

געווען איז דאס אין די טאג פון די מערסטע סעילס אין אמעריקע, בלעק פריידעי, אין יאר 2013 למספרם, האבן זיי ארויסגעלייגט א האנטוך פאר 29 סענט.

זיי האבן פארקויפט יענעם בלעק פריידעי דריי מיליאן שטיק פון איין האנטוך!

און וויפל קאסט צו האבן א חלק



# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

(SHARE) אין וואלמארט?

א וואלמארט שעיר קאסט הונדערט טאלער.

פאר הונדערט טאלער זענט איר א חלק פון די וואלמארט אייגנטומערשאפט.

און וויפל אזעלכע "שותפים" האט וואלמארט?

אכט ביליאן!

יא! פאר הונדערט טאלער זענט איר דער גליקליכער אכט ביליאנסטל שותף אין גאאאאאאאאנץ וואלמארט.

און וואס נעמט איר אהיים אלץ אן אכט ביליאנסטל שותף אין די ביזנעס?

וואלמארט צאלט פאר די שעירהאלדערס איין טאלער פער יאר פער שעיר.

יא! אין צען יאר באקומט איר דיווידענד צען טאלער!

יא! אין הונדערט יאר האט די דיווידענד אויסגעצאלט אייער אינוועסטמענט און אייער "שותפות" אין וואלמארט!

איך קום שוין!

און דא רעדט מען פון א דיווידענד קינג!

א דיווידענד קינג רופט מען א קאמפאני וואס געבט דיווידענד פאר פופציג יאר אין א צי.

איך קום שוין!

און אז מען רעדט שוין פון באנאנעס, וואס איז טאקע די מעשה פון די מורא'דיגע ART פון א בענענע מיט א שטיקל סקאטש טעיפ.

יא, עס איז וואר אז מען האט געמאכט א גוט שטיקל מיט איינעם און ער האט געקויפט א באנאנע פאר זעקס מיליאן טאלער.

לאמיר גיין שטייטעלער.

אין דעצעמבער 2019 למספרם האט איינער ארויסגעלייגט א בענענע צו פארקויפן.

כ'מיין, א בענענע וואס אין די געלט CULT רופט מען אט די בענענע "קונסט" (ART).

די בענענע פארקויף איז פארגעקומען אין פלארידע.

דער בענענע פארקויפער האט גענומען דאקט טעיפ (קלעיבאכץ) און ארויפגעקלעבט די בענענע אויף א טאוול.

די (מעכטיגע מורא'דיגע געלט-CULT'יגע) בענענע איז געגאנגען פאר מאה אלפים!

יא! גוט געהערט!

וואונדערט אייך נישט אויף געלט-CULT מענטשן.

נישט איין בענענע, דריי שטיק האט דער בענענע פארקויפער דארט פארקויפט!

יעדע איינע איז געגאנגען פאר מאה אלפים!

איינס פון די דריי האט זיך שפעטער ווייטער פארקויפט פאר זעקס מיליאן טאלער.

אז מען רעדט נישט צום אייבערשטן יעדן טאג קען מען זיך דערזען מיט א זעקס מיליאן דאלערדיגע פארפוילטע בענענע.



## גריסע גארביטש דראפ־אָף

אזוי ווי יאר יערליך האט די טאון אף ליבערטי אפאר טעג וואס מען קען פטור ווערן פון גרעסערע גארביטש פריי פון אפצאל.

אין די פאר טעג קען מען קומען און אראפ לייגן סיי וועליכע גרעסערע זאך וואס אייער גארביטש קאמפאני נעמט נישט געווענליך (למשל צובראכענע טישן, בענקלעך, שענק, אפלייענסעס וכו')

עס איז דא פארשידענע זאכן וואס זיי נעמען נישט אן: זאכן לענגער ווי 4 פיס, געז\פראפעין\אויל טענק, פעינט אדער אנדערע סכנה'דיגע מאטריאלן און ווי אויך געהעריגע גארביטש.

מען קען מאכן נאר איין דראפ־אָף פער משפחה.

מען קען גיין דאנערשטאג און פרייטאג פרשת בהר-בחוקותי (למספרם 8 & May 7) פון 7:30 צופרי ביז 3 נאכמיטאג.

די פלאץ צו עס אראפ לייגן איז די Town Barn אויף Rt. 52 און Ferndale Loomis Rd

פאר מער אינפארמאציע קען מען רופן 845-292-4172

## רייניגן ראודס

מיר ווילן בעטן אלע איינוואוינער פון שטעטל צו העלפן האלטן די שטעטל ריין, דורך אויפהייבן די גארבידזש און רייניגן די ראודס ארום אייער הויז.

די גארבידזש וואס מען נעמט צאם פון די ראודס קען מען אראפ לייגן בחינם ביים טרענספער סטאנציע.

צו דעם דארף מען האבן א ספעציעלן סטיקער וואס מען קען באקומען ביי מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו.

דער אדרעס איז: Ferndale Transfer Station

Lieutenant Brender Hwy, Ferndale, NY 78 12734

## טויש די רעדלעך

אזוי ווי די ווינטער איז שוין אריבער און די וועטער ווערן שוין שענער ב"ה ווילן מיר דערמאנען אלע איינוואוינער פון שטעטל וואס האבן געלייגט ווינטער רעדלעך אז עס איז זייער ראטזאם צוריק צו טוישן צו די געהעריגע רעדלעך צוליב וואס די ווינטער רעדלעך איז נישט אויסגעשטעלט פאר די היצן און עס ווערט חרוב אויב מען ניצט דאס זומער.

מען קען טוישן די רעדלעך (ווי אויך סיי וועלכע אנדערע ארבעט אויף די קאר - אויל טשעינדזעס וכו') ביי אונזער היימישע Foort Automotiv דורך רופן 929-585-2203 אדער ביי סיי וועלכע לאקאלע מעקעניק.

### זמנים
בה"ב כ"ב אייר

הדלקת הנרות.. 07:46

מוצאי שבת...... 09:18

מנחה מעריב

פרשת במדבר
09:03

# אן אויג בליק צוריק

**טרעף צו וואס, ווען, וואו און ווער איז אינעם בילד:**



קרעדיט: ארכיון (אייזיק ראטה)

## בילד פון פאריגע וואך:

שבת התוועדות תשס"ט
אין לעיק האוז.



# קלאסיפייד

## הערליכע דירה

א הערליכע פריוואטע דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן
זומער תשפ"ו הבעל"ט.
אנטהאלט 4 שיינע בעדרומס, 2 טוילעטס, מיט א שיינע לאט

**רופט 917-501-5100**

## שיינע דירה צו פארדינגען

א הערליכע דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו
הבעל"ט.
אנטהאלט 2 שיינע בעדרומס, א קאך און דיינוג רום

**רופט ליפא שווארץ**

**917-541-1197**







## דירה צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדרום דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן
זומער תשפ"ו הבעל"ט.

**רופט שלמה יאקאבאוויטש**

**845-637-5367**

## דירות צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדרום דירה און 1 בעדרום דירה שטייט צו
פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט. אזוי אויך פאר
שבתים און ימים טובים.

**רופט ראובן בירנבוים**

**347-549-5625**





# געשענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



**הכנות צום גרויסארטיגע ל"ג בעומר הדלקה אין שטעטל - ב' אמור**



**ביים אינסטאלירן די סעלצער און וואסער מאשין אין ביהמ"ד אין שטעטל - ג' אמור**

קרעדיט: ישראל פוקס



**סדר ח"י פרקים משניות פון ישיבת היכל הקודש וויליאמסבורג און קרית ברסלב - ד' אמור**

קרעדיט: אברהם הערש וועבערמאן



**די בחורים ביים רייניגן די מקוה אין שטעטל - ד' אמור**

קרעדיט: ישראל פוקס










**ברכת האילנות פון די לעכטיגע קינדערלעך ביים חצר פון מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו אין שטעטל**

קרעדיט: אליי זעלקאוויטש, משפחת מזרחי



**ביים געבן א שיעור פאר די בחורים אין ישיבה אין שטעטל - ד' אמור**

קרעדיט: אברהם הערש וועבערמאן



**די בחורים ביים זיך שפילן אינדרויסן פון ישיבה אין שטעטל - ד' אמור**

קרעדיט: אברהם הערש וועבערמאן



**ביים פארטיילן פרישטאג פאר די בחורים אין שטעטל - ד' אמור**

קרעדיט: אברהם הערש וועבערמאן



**סיום מסכת מנחות אין שטוב פון מו"ה יצחק אהרן וויינבערג הי"ו אין שטעטל - ד' אמור**

קרעדיט: שמעון פאטריגאל



**סיום משניות מסכת ברכות פרק ב' אין תלמוד תורה היכל הקודש בית שמש - ה' אמור**

קרעדיט: שלמה מינצבערג



**אין א שמועס מיט די מענעדזשערס איבער די טראנספארטאציע פאר די ל"ג בעומר הדלקה אין שטעטל - ד' אמור**

קרעדיט: יוסי פרערויא





**א בליק אין תלמוד תורה בני ברק - פרשת אמור**
קרעדיט: משה רעכניצער



**אין א שמועס מיטן שמש אין שטעטל - ד' אמור**
קרעדיט: יוסי פרערויא



**ביים עסן פרישטאג מיט די בחורים אין שטעטל - ד' אמור**
קרעדיט: יוסי פרערויא





**אין א שמועס מיט אנשי שלומינו אין שטעטל - ד' אמור**
קרעדיט: יוסי פרערויא











**סיום הש"ס פון הילד מרדכי יצחק בן מו"ה שמעון עוזר פערל הי"ו אין תלמוד תורה בית שמש - פסח שני**

קרעדיט: הרב יצחק פאפענהיים שליט"א









סיום מסכת מנחות מיט אלע הברותות פון מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו אין שטוב פון מו"ה שמעון איינהארן הי"ו אין שטעטל - ד' אמור

קרעדיט: יוסי פררויא





די בחורים פון ישיבת היכל הקודש ירושלים ביים העלפן צוגרייטן די סעודה אין די קאלסבורגער חצר אין מירון - עש"ק אמור









**דער דיין שליט״א אויפן וועג קיין ארץ ישראל צו וויילן אין מירון אויף ל״ג בעומר - ה׳ אמור**

קרעדיט: יוסי פרערויא





**דער דיין שליט״א ביים קארלסבורגער רב שליט״א אין מירון - עש״ק אמור**

קרעדיט: יוסי פרערויא



**מלוה מלכה אין ביהמ"ד עצתו אמונה אין יבנאל - מוצש"ק אמור**

קרעדיט: נחמן נתן מימוני



**שילוה הקן דורך דומ"ץ סאטמאר בני ברק שליט"א אינעם הצר פון בית פיגא - א' בה"ב**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש





**הכנות צו ל"ג בעומר אין שטעטל - א' בהר בחקותי**

קרעדיט: העניך אינדיג





**סיום משניות סדר מועד פון הילד אהרן ני"ו בן מו"ה שלמה מינצבערג הי"ו אין תלמוד תורה בית שמש - עש"ק אמור**

קרעדיט: שלמה מינצבערג











**הכנות צום גרויסן הילולת ל״ג בעומר אין קרית ברסלב ליבערטי**

קרעדיט: נפתלי זאבעל



















**ערב ל"ג בעומר אין תלמוד תורה היכל הקודש בית שמש - ב' בהר בחקותי**

קרעדיט: שלמה מינצבערג










**פרישע זמן אנגעהויבן מיט א געוואלדיגע פרישקייט אין די כולל בוקר אין שטעטל - ב׳ בהר בחקותי**

קרעדיט: אייזיק ראטה

בס"ד
פרשת בה"ב
אויסגאבע # 17

# אינדערהיים



געשניטן די
גראז מיט תפילה
**הער א מעשה**

געבראכן
די אייז
**מ. פעדער**

אידישע פרויען:
עטץ זענטס די כהן!
**ש. ל. פליישמאן**

בעבי סטעפס
**ש. טראכטער**

## באווארנטע ווערטער

ג. פעקעטע

# אינהאלט



4



16

**בס"ד**
בה"ב
תשפ"ו
**נומער 18**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. לב
מ. סופר
מ. פעדער

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידישע שטוב:
**212.444.9169**

dominogrp.com



לעידיס אקזילערי
היכל הקודש ברסלב

The excellence you expect is back for Shavuos

Your signature Shavuos flowers are back this year at our two convenient locations

181 HUSCHKE RD בית מדרש האשקי
11 JERUSALEM CT בית מדרש ירושלים

Wednesday May 20 Thursday May 21

ש. טראכטער



# בעבי סטעפס

איך האב זייער הנאה געהאט פון דיין באשרייבונג איבער די באבע פארקאש ע"ה, אבער... איך האב אן 'אבער' צוצולייגן.”

איך נייג אונטער אן אויער. איך פריי זיך שטענדיג צו הערן א גוט ווארט, אבער איך וויל אויך אלעמאל הערן וואס איך דארף פאררעכטן...

”אבער, איך פיל אז ווען מען באשרייבט אזעלכע פרויען, ווער איך זייער אנטמוטיגט און אנטוישט. איך שפיר ווי די באבע פארקאש איז מן הסתם געבוירן געווארן א 'דערהויבענע נשמה'; זי איז לכאורה געווען אן אויסגעארבעטע נשמה פון נאטור אויס. איך בין נישט אזוי. איך בין א פשוט'ע פרוי; איך שטייג איין טריט און איך פאל צוריק דריי. קוים וואס איך קען זיך אן עצה געבן צו בלייבן רואיג איין איינציגן פארנאכטס... איך וועל קיינמאל נישט צוקומען צו אזעלכע מדריגות. איך מיין אז איך וועל נישט זוכה זיין צו איר שמחת החיים, איר פאזיטיוויקייט, איר אמונה און אלעס ארום.”

איך האב אויסגעהערט מיין חבר'טע און איר געזאגט: ”איך מיין אז דו האסט נישט געליינט דעם לעצטן פאראגראף פון דער באשרייבונג...” און איך האב עס פארגעליינט פאר איר:

איך ווייס אז ווען מען ליינט איר

געשיכטע כאפט זיך אריין א מחשבה: "אוי, ווי ווייט... איך וועל קיינמאל נישט אנקומען דערצו." אבער דאס איז נישט ריכטיג. מיין מאמע איז געווען א נארמאלע פרוי פונקט ווי איך און דו, מיט טאג-טעגליכע "אפס און דאונס" (ארויף און אראפ). זי האט אבער אלעמאל געהאט א גוטן רצון; זי האט געוואלט אנקומען צו ווערן בעסער און בעסער, און דאס האט איר געברענגט זייער ווייט. דאס איז עפעס וואס מיר קענען אלע נאכמאכן. מיר דארפן נאר בעטן און בעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג: "באשעפער, דו ווייסט דעם אמת. איך וויל זיין גוט, איך וויל זיין ערליך, איך וויל זיין א גוטע און פאקוסירטע מאמע און ווייב, איך וויל זען נאר דאס גוטס אין מיין לעבן, אויף מיר און אויף אלע אידן. איך שפיר אזוי צעריסן, עס גייט מיר עפעס נישט." און סוף-כל-סוף וועט אויך זיין א שיינע לעבנסגעשיכטע פון דיר צו דערציילן!

דאס איז לכאורה דאס וויכטיגסטע שטיקל פון די באשרייבונג.

ווען איך בין מקורב געווארן צו היכל הקודש, בין איך געווארן זייער קאמפלעקסירט צו זען געוויסע פרויען וואס זענען אזוי "דערהויבן", אזוי "מקורב" אדער אזוי "אויסגעארבעט", און איך פלעג טראכטן אז איך וויל טרעפן "נארמאלע" מענטשן וואס האבן געהעריגע נסיונות פונקט ווי מיר. איך וויל טרעפן פרויען וואס ווערן אויך אנגעצויגן און נערוועז, און ווערן אויך אנטוישט. איר פארשטייט וואס איך מיין? איך פלעג רעדן מיט דעם און יענעם און הערן דעם רואיגן שמייכל'דיגן קול מיט אזא סארט געלאסנקייט: "אלעס איז דער אייבערשטער, און וויאזוי דער אייבערשטער טוט איז גוט..."

און איך פלעג טראכטן: אפשר בין איך אריינגעפאלן אין א פלאץ וואס איז נישט געאייגנט פאר מיר? איך בין דאך נישט אזא אויסגעארבעטע פרוי; איך ווער יא אפסעט, יא אנטוישט, איך פארליר זיך יא... איך ווייס נישט...

אזוי אויך דערציילט דער ראש ישיבה שליט"א, אז ווען ער איז אנגעקומען צו מוהרא"ש און געהערט ווי מוהרא"ש זאגט אז אויב א מענטש ווערט אין כעס איז ער ווי א משוגענער, האט זיך דער ראש ישיבה געוואונדערט. "איינער וואס ווערט נישט אין כעס איז אן אויסגעארבעטער מענטש... אבער איינער וואס ווערט יא אין כעס, איז דאך א נארמאלער פשוט'ער מענטש."

דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט אבער אז מיט דער צייט אז מען איז זוכה צו בלייבן זיצן ביים רבי'ן, פארשטייט מען דאס. וואס מער מען זיצט ביים רבי'ן, טוישט זיך דער מח, דאס הארץ און די נשמה.

קיינער איז נישט געבוירן קיין מלאך, און קיינער איז נישט פערפעקט. א מענטש וואס איז שוין אנגעקומען צו שלימות געפינט זיך שוין נישט דא. די וועלט הייסט אן "עולם התיקון", דא דארף מען זיך מתקן זיין. אז מען זיצט גענוג לאנג ביים רבי'ן, און בעיקר אז מען פאלגט די עצות פונעם רבי'ן – מען גייט יעדן טאג אפאר מינוט אין אן אפגעזונדערט פלאץ און מען שמועסט זיך אויס מיט'ן אייבערשטן, וואס דער הייליגער רבי רופט "התבודדות" – הייבט מען אן איינצוזען אז א צדיקת איז נישט איינער וואס איז פערפעקט און אויסגעארבעט, נאר א צדיקת איז איינער וואס האט א גוטן רצון, פאלגט די עצות פון צדיקים, און בענקט צוריק צום אייבערשטן.

יעדער איינער וויל זיין גוט און יעדער איינער וויל זיך אויסארבעטן, אבער וויאזוי ווייסט א פשוט'ער מענטש דעם וועג דערצו?

די עצה איז צו הערן דעם קול הצדיק.

- אין "עצתו אמונה" פרשת אחרי-קדושים שרייבט דער ראש ישיבה אז דורך זאגן תהלים באקומט מען א געפיל, מען הייבט אן בענקען צום אייבערשטן און מען הייבט אן וועלן זיין גוט. דער ראש ישיבה שרייבט אז תהלים איז דער וועג אנצוקומען צו תשובה. דורך זאגן תהלים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר, נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, באקומט דער מענטש די שטארקייט זיך צו דערהאלטן ביז ער איז זוכה צו תשובה טון און ווערן ערליך.
- דער הייליגער רבי זאגט אונז אז דורך התבודדות קומט מען צו דער מדריגה פון זיין א גרויסער צדיק.
- דער הייליגער רבי זאגט אז דורך דעם "סדר דרך הלימוד" קומט מען צו קענען קונה זיין כל התורה כלה.

## קיינער איז נישט געבוירן קיין מלאך, און קיינער איז נישט פערפעקט. א מענטש וואס איז שוין אנגעקומען צו שלימות געפינט זיך שוין נישט דא. די וועלט הייסט אן "עולם התיקון", דא דארף מען זיך מתקן זיין.

· דער הייליגער רבי איז אונז מגלה אז דורך שמחה קומט מען צו אלע קדושות.

· דער הייליגער רבי לערנט אונז אז שלום בית איז א יסוד היסודות פאר א אידישע שטוב.

עס איז ריכטיג אזוי ווי מיין חבר'טע האט געפרעגט: "איך בין אזא פשוט'ע מענטש, איך בין נישט געבוירן אזא צדיקת." אבער מיר ווייסן אז דער הייליגער רבי האט מקפיד געווען ווען מען האט געזאגט אז ער איז צוגעקומען צו זיינע מדריגות ווייל ער האט געהאט גרויסע זיידעס (דער בעל שם טוב הקדוש און רבי נחמן הארידענקער זצ"ל). דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אפילו אויב ער וואלט געבוירן געווארן ביי פשוט'ע עלטערן, וואלט ער אויך צוגעקומען צו אלעס וואס ער איז צוגעקומען, ווייל אלע זיינע מדריגות האט ער עררייכט דורך זיין אייגענע פלאג און נישט דורך זכות אבות.

ווידער זאגט אונז דער רבי אויס דעם סוד, אז אויב וואלט ער געוואוסט אין זיינע יונגע יארן דעם סוד פון התבודדות – פון אויסשמועסן מיט'ן אייבערשטן (ווי שטארק מען וויל זיין אן ערליכער איד, א רואיגע מאמע און א וואוילע ווייב, און ווי שווער עס גייט) – וואלט ער נאר עוסק געווען אין די עבודה. ווי דער רבי האט געזאגט: "איי איי, פראסטאק!", צייגענדיג דערמיט די גרויסקייט פון די (גארנישט אזוי) 'פשוט'ע' עבודה פון התבודדות אויף די אייגענע שפראך.

דער ראש ישיבה האט לעצטנס געזאגט אין א שיעור: "דער רבי ווייזט אונז א מדריגה, און גלייך דערנעבן גיט ער אונז א לייטער וויאזוי מיר קענען אנקומען אהין."

דאס איז פונקט ווי א מאמע וואס לערנט אויס א קינד צו קריכן אויף טרעפ; מען לייגט ארויף א זאך וואס רייצט אן דעם קינד, און דער קינד וויל עס דערגרייכן. דאן קומט די מאמע און שטייט ביי די זייט און לערנט אויס דאס קינד וויאזוי ארויפצוגיין.

אט אזוי טוט דער רבי מיט אונז מיט זיין גרויס רחמנות. ער עפנט אונז אויף די אויגן צו זען צו וואס פשוט'ע מענטשן – וואס זענען געבוירן מיט נישט אזעלכע גוטע מידות, נאטורן און תאוות – קענען זוכה זיין.

דער רבי האט רחמנות אויף אונז פשוט'ע מענטשן, וואס מיר האבן שוין געטון וואס מיר האבן געטון, און ער גיט אונז אן עצה, א לייטער, וויאזוי מיר קענען אנקומען צו זיין אמת'ע ערליכע אידן.

דאס גייט אבער נישט אין איין טאג. ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט לעצטנס געזאגט: "מען קען נישט אנקומען קיין ברסלב און וועלן כאפן אלעס אין איין טאג; עס גייט שטייטלעך."

אין "עצתו אמונה" פרשת אחרי-קדושים איז געשטאנען אין א בריוו א שיינע חיזוק אויף די ענין.דאס איז דער וועג פון עבודת השם: מען גייט נישט פון מצרים צו קבלת התורה אין איין טאג.

מיר ציילן ספירת העומר יעדן טאג באזונדער, דאס לערנט אונז צו גיין איין טרעפל אויפאמאל.

יעדן טאג בעטן מיר אין די תפילה נאך ספירת העומר: "כדי לטהרנו מקליפותינו ומטומאותינו... ואטהר ואתקדש בקדושה של מעלה, ועל ידי זה יושפע שפע רב בכל העולמות, ולתקן את נפשותינו ורוחותינו ונשמותינו מכל סיג ופגם, ולטהרנו ולקדשנו בקדושתך העליונה, אמן סלה".

טייטש: "אייבערשטער, רייניג מיך פון די קליפות און טומאה... הייליג און רייניג אונז... צו מתקן זיין אונזער



נפש, רוח און נשמה, און צו ווערן געהייליגט..."

דאס זאגט מען נישט בלויז איין טאג און נישט צען טעג; ניין און פערציג טעג זאגן מיר און בעטן מיר, טאג נאך טאג: "אייבערשטער, איך וויל זיין ערליך!"

און נישט נאר ניין און פערציג טעג, נאר ווי דער הייליגער רבי זאגט אונז, אז אפילו א מענטש זעט אז עס גייען אריבער ימים ושנים, זאל ער אויך נישט אויפגעבן, נאר ווייטער בעטן און בעטן.

ווי דער ראש ישיבה שליט"א ברענגט אראפ אין "שפתי תפתח" (ליקוטי מוהר"ן סימן ב'), אז ווען א מענטש האלט די שווערד פון תפילה ריכטיג - דאס הייסט ער דאנקט און ער בעט, נישט חלילה מיט טענות, נאר ער בעט ווי א מתנת חנם פונעם אייבערשטן: "אייבערשטער, עס קומט זיך מיר גארנישט" - און דערביי דאנקט ער פאר די אומזיסטע מתנות, אויף אלע חסד השם וואס דער אייבערשטער גיסט אויף אונז יעדן טאג, אינאיינעם מיט **אסאך** סבלנות, וועט ער צום סוף פועל'ן און זוכה זיין.

דער רבי גיט אונז א וועג וויאזוי צו ווערן ערליכע אידן און אויסארבעטן אלע אונזערע מידות, נאר איין זאך... מיר דארפן פאלגן!

עס העלפט נישט סתם צו וויסן אלע עצות, אלע תורות און אלע שיינע מעשיות. עס העלפט נישט "זיין מקורב צוואנציג יאר," און עס העלפט נישט "זיין פון די ערשטע פיר מענטשן וואס האבן געשיקט די קינדער אין די מוסדות..."

עס האט נאך קיינעם נישט געהאלפן אויסהיילן א קרענק אויב ער שטייט בלויז נעבן א פארמאסי (אפטייק). עס העלפט אפילו נישט אויב דיין מומע, דיין מאמע, אדער דיין מאן איז דער פארמעסיסט. אויב דו ווילסט זיך אויסהיילן איז דא בלויז איין עצה: "איינעמען אליין די מעדיצין." דאס איז איין זאך וואס מען קען נישט יוצא זיין דורך א צווייטן. יעדער פאר זיך דארף אליין אראפשלינגען די פילן; און נישט צוואנציג פילן אויפאיינמאל, נאר יעדן טאג די ריכטיגע דאזע לויט וויאזוי דער דאקטער – דער צדיק – האט אונז פארשריבן.

די איינציגסטע זאך וואס העלפט איז "טון צום זאך!" דאס מיינט, נעמען איין מינוט א טאג און רעדן צום אייבערשטן. דער ראש ישיבה שליט"א מאכט עס אזוי פשוט און אזוי 'דאאבל' (מעגליך צו טון). דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "נעם איין מינוט און צעטייל עס אין דריי חלקים: צוואנציג סעקונדעס דאנק דעם אייבערשטן, צוואנציג סעקונדעס בעט דעם אייבערשטן, און צוואנציג סעקונדעס בעט איבער דעם אייבערשטן."

דאס איז עפעס וואס אפילו פאריאגטע אידישע מאמעס, פארנומענע באבעס, ביזי מיידלעך, און פארשפילטע קינדער וכו'... יעדער איינער קען דאס טון.

איך האב דאס אמאל געזאגט אין קלאס פאר מיינע תלמידות (נישט אין בית פיגא), און א מיידל הייבט אויף די האנט און פרעגט מיר: "די סגולה ארבעט נאר אויב עס איז פונקט צוואנציג סעקונדעס, אדער אויב עס איז אביסל מער איז אויך גוט?"

איך האב זיך צעשמייכלט – וכל המרבה הרי זה משובח...! אין א וועלט פון סגולות פארגעסט מען שוין אז דאס איז נישט קיין סגולה, נאר דאס איז א חיוב.

ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן אין "עצתו אמונה", איז עס א חיוב פאר יעדן איד, סיי פאר א מאן און סיי פאר א פרוי, צו בעטן פונעם אייבערשטן אלעס וואס מען דארף. ווען צדיקים האבן געזען אז אידן פארגעסן צו בעטן און דאווענען, האבן אנשי כנסת הגדולה מתקן געווען שחרית, מנחה און מעריב; אבער דאס נעמט נישט אוועק דעם חיוב פון התבודדות, צו בעטן פונעם אייבערשטן אלעס וואס מען דארף.

דער רבי קען אונז אלע אויסהיילן, ווי דער רבי שרייבט אין סיפורי מעשיות: "און איך הייל זי." דער רבי האט פאר אונז אלע א וועג צו ווערן "אויסגעארבעטע נשמות"... מיר דארפן נאר פאלגן זיינע הייליגע עצות און צוהערן צו זיינע הייליגע תלמידים.

איך און דו קענען נישט אפשר אליינס אפלערנען דעם רבי'נס ספרים, אבער מיר קענען יא אויסהערן שיעורים און ליינען די בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א און פון מוהרא"ש זי"ע, וואס ברענגען אראפ דעם רבי'נס ספרים און דיבורים פאר אונז.

און אז מיר וועלן אזוי טון און טון און טון און נישט אויפגעבן, נאר בעטן און בעטן און צוהערן די קול און עצות פון צדיק, וועלן מיר אויך זוכה זיין אז איין טאג וועט זיין שיינע זאכן צו דערציילן, נאר מיר וועלן זיכער מאכן אז מען שרייבט א נ.ב. אונטער די ארטיקל....

**"נ.ב. מיין טייערע... (מאמע, שוועסטער, באבע וכו') איז געווען א מענטש ווי מיר און דיר. אויך זי האט געהאט נסיונות און נאטורן. די אייגנארטיגקייט פון .... איז געווען אז זי האט זיך צוגעהערט צום קול צדיק, זי האט געפאלגט די עצות און נישט אפגעלאזט איר גוטע ווילן און התבודדות. נאר אזוי איז זי צוגעקומען צו אלע שיינע זאכן."**

ש. ל. פליישמאן

# איפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## אידישע פרויען: עטץ זענטס די כהן!

עפעס א כהן איז אין א Rush,
ער לויפט ארויס פון ביהמ"ק,
ער יאגט זיך, ער האט זיך דערמאנט,
ער האט נאכנישט געדאווענט היינט.
ער לאזט אפ זיין הייליגע עבודה,
די קרבנות עולה, שלמים, און תודה,
ער וויל אויך אין שול זיך ארייננשטופן,
א קשר מיטן אייבערשטן אנקניפן.

א שאד, ער ארבעט אינעם אייבערשטנ'ס בית,
אבער נעמט נישט פון דעם קיין חיות,
ער פילט פון אייבערשטן דערוויטערט,
באדויערט ער איז פון דאווענען גע'פטר'ט.

ער לויפט צום אייבערשטן אין שול דארט,
ער לויפט אוועק פונעם שכינה'ס רוה ארט,
וואלט ער געוויסט אז די הייליגע קרבנות,
זענען פארן אייבערשטן די שענסטע מתנות...

א אידישע מאמע, האט דער ראש ישיבה געזאגט,
די הייליגסטע אחריות'ן זי פארמאגט,
זי איז פון די elite, פון די upper crust,
מיטן אייבערשטן'ס הויז מ'האט איר געטראסט.
צווישן אלע אירע פליכטן זי פילט זיך צושניטן,
'הלוואי איך קען אלעס אפלאזן אינמיטן',
לויפן גיין כאפן א מנחה מעריב,
צום מנין אין שול זיך גיין זיין מצרף.

לויפסט צו - אדער אפשר לויפסטו אוועק,
ביסט ביים אייבערשטן, ביסט יעצט צוגע'connect,
קוק נישט אויף דיין ארבעט אלס לאנגווייליג,
דיין ארבעט איז דאך הייליגער פון הייליג.
דיין הארץ פארן אייבערשטן טו אנפארטרויען,
"באשעפער איך וויל מיין ארבעט enjoy'ען,
העלף מיר זיין א פרייליכע מאמע / כהן,
א לעכטיגע דור פאר דיר אויפבויען!"

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

מ. פעדער



# געבראכן די אייז

מלכי איז א יונגע פרוי, קוים חתונה געהאט אפאר חודשים צוריק, זי לעבט ב"ה א גליקליך לעבן מיט איר מאן.

עס איז ל"ג בעומר שנת תשפ"ד, מירון איז פארשפארט מיט שלאס און ריגל, עס איז נישט דא קיין וועג אריין צום ציון, די הונדערטער אידן וועלכע בעטן זיך אריינצוקומען ווערן אלע רשעות'דיג פארטריבן דורך די פאליס.

מלכי'ס מאן כאפט אן א שטארקע בענקעניש צו רבי שמעון, נאכן לערנען תיקוני זוהר פאר די לעצטע תקופה שפירט ער א שטארקע קשר מיטן צדיק, ער וויל אזוי שטארק זיין ביים ציון אויף ל"ג בעומר.

"איך האב געהערט פון א גרופע יונגעלייט און בחורים וועלכע ווילן ארויספארן" דערציילט ער איר "זיי ווייסן פון עפעס א באהאלטענע וועג דורך די וועלדער און פעלדער פון וואו מען קען זיך ארייננצושמוגלען קיין מירון, אפשר זאל איך מיטפארן מיט זיי?"

מלכי צווייפלט זיך, עס רעדט זיך דאך פון נישט קיין גרינגע וועג, עס דערשרעקט איר אביסל די גאנצע שמוגלעריי, עס קען נאך זיין אז נאכן זיך מוטשענען און זיך פלאגן וועלן זיי די פאליס גאר אהיימשיקן, אדער ח"ו שלאגן.

און בכלל ווער ווייסט וויפיל שעה דאס קען נעמען און ווען זיי וועלן בכלל צוריק זיין אינדערהיים.

אבער וואס טוט מען נישט צו קענען אנקומען צו רבי שמעון, און נאך בפרט אינעם גרויסן טאג ל"ג בעומר.

מלכי שטימט צו. זי פאקט צאם פאר איר מאן אביסל עסן פאר די וועג, טרונקען, זיין ספר תיקוני זוהר, אביסל קונטרסים פאר הפצה, און מיט אסאך תפילות באגלייט זי אים ארויס.

מלכי'ס מאן לאזט זיך ארויס אויפן וועג מיט זייער גרופע, זיי הייבן אן די וועג מיט א קאר מיט וועלכע זיי פארן ביז צפון

ארץ ישראל צו די געגענט פון מירון, זיי כאפן א טבילה ביי שמעיה ואבטליון'ס מקווה אין א דערפל מיטן נאמען 'ספסופה'. זיי פארקן די קאר אין איינע פון די דערפלעך אינעם געגנט.

פון דארטן נעמען זיי זיך גיין צופיס צווישן די וועלדער און די פעלדער, אונטער די ברענענדיגע זון, צומאל דארפן זיי זיך באהאלטן פון די פאליס וועלכע האבן בשום אופן נישט געוואלט צולאזן קיין שום אפענע וועג אריינצוקומען אין מירון, פון צייט צו צייט האבן זיי זיך אנגעטראפן אין נאך גרופעס וועלכע זוכן א וועג אריין, פאמיליעס מיט חלאקה אינגלעך וועלכע ווילן מאכן די אפשערןביים ציון.

מיט פיל בענקעניש זעצן זיי פאר צו גיין דעם שווערן וועג.

אינמיטן איינע פון די פעלדער גייען זיי אדורך א הויז פון א גוטהארציגער איד וועלכער נעמט זיי אריין און געבט זיי עפעס אין מויל צו נעמען, אביסל זיך צו דערכאפן דאס הארץ און שעפן

מלכי געדענקט ווי אינטערסאנט דאס האט איר אויסגעקוקט, ביי זיי אין די משפחה שערט מען זיך נישט, זי האט קיינמאל נישט געהערט פון אזא מושג.

כוחות פאר די ווייטערדיגע וועג, אויפן וועג ארויס ווייזט ער זיי וועלכע זייט זיי דארפן פארזעצן.

און אזוי, נאך לאנגע שעות פון גיין, מיט ווייעדיגע פיס, הונגעריג, מיד און אויסגעמוטשעטע קומען זיי אן צו שטעטל מירון.

ווי גרויס איז זייער שמחה זעענדיג שוין פונדערווייטנס דעם ציון. זיי לויפן צו צום ציון זיך אויסגיסן דאס הארץ און זיך גוט אויסבעטן, גליקליך צו זיין פון די וועלכע האבן זוכה געווען אנצוקומען.

מלכי זיצט אליינס אינדערהיים, קיין קינדער האט זי נאכנישט, זי בעט דעם אייבערשטן איר מאן זאל גיין און צוריקקומען געזונטערהייט, און ער זאל אהיימברענגען פיל ישועות.

'היינט איז ל"ג בעומר' טראכט זי צו זיך 'איך וויל דאך אויך אויסנוצן דעם גרויסן טאג'.

'וויאזוי קען איך מיך מקשר זיין מיטן



צדיק?'

מלכי דערמאנט זיך צוריק אלס מיידל ווען זי האט אנגעהויבן צו ליינען 'עצתו אמונה'. זי געדענקט זיך ליינען צום ערשטן מאל דער לשון הזוהר ווי דער זוהר הקדוש ערקלערט די הארבקייט פון א פרוי וואס גייט מיט אויפגעדעקטע האר, ווי דער ראש ישיבה טייטשט עס אויף אידיש און רעכנט אויס די שכר און אלע גוטע ברכות וואס קומט פאר א פרוי וואס שערט זיך אפ די האר.

מלכי געדענקט ווי אינטרעסאנט דאס האט איר אויסגעקוקט, ביי זיי אין די משפחה שערט מען זיך נישט, זי האט קיינמאל נישט געהערט פון אזא מושג, זי האט אבער פארשטאנען אז דאס איז זייער א חשובע און א הייליגע זאך, האט זי ביי זיך אפגעמאכט אז זי גייט בעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג אז זי זאל איין טאג זוכה זיין דאס אויסצופירן.

זי פלעגט זיך פיהלן ווי א חוזק יעדן טאג בשעת'ן בעטן די ווערטער, ביי זיך האט זי קלאר געוואוסט אז דאס איז עפעס וואס גייט קיינמאל נישט געשעהן, זי האט זיך נישט געקענט זען דאס טון, אבער דאך פון הערן אזויפיל שיעורים און זען אין אזוי פיל בריוון וועגן די נושא האט זי פארשטאנען די חשיבות פון דעם, זי האט ביי זיך אפגעמאכט אז זי גייט נישט אויפגעבן, זי גייט בעטן דעם אייבערשטן, א תפילה קען זיכער נישט שאדן.

אזוי פלעגט זי יעדן טאג בעטן דעם אייבערשטן אז זי זאל זוכה זיין צו פאלגן צדיקים און זי זאל האבן די כוחות זיך צו שערן.

קיינער האט נישט געוואוסט פון מלכי'ס טעגליכע תפילות, זי ביי זיך האט אליינס נישט געגלייבט אז דאס גייט געשעהן, אבער זי האט נישט אויפגעגעבן און יעדן טאג געבעטן דעם אייבערשטן אז איין טאג זאל זי נאך זוכה זיין דערצו.

יעצט ל"ג בעומר זיצנדיג אליינס אינדערהיים טראכט מלכי אז יעצט איז די פאסיגסטע צייט אויסצופירן דעם צדיק'ס ווילן, זי פיהלט ווי זי איז שווין גענוג שטארק צו נעמען די שער מאשין אין די הענט.

אמת ס'איז שווער, אבער אז מען ווייסט פארוואס מען טוט עס ווערט עס פיל גרינגער.

אז מען גייט נאך די אייגענע שכל קען מען טראכט אז אפשר מאכט מען א טעות, אבער איינמאל מען גייט נאך א צדיק ווייסט מען וואס איז ריכטיג.

בעצם, וואס איז שיין? טראכט זי צו זיך, האר איז דען שיין? שיין איז וואס די תורה זאגט, שיין איז וואס צדיקים זאגן.

שעות שפעטער ווען איר מאן קומט אהיים, הערנדיג די פרייליכע בשורה, דערציילט ער איר ווי ער פלעגט זיך מאכן א צייט יעדן טאג ביי 'עטיפת טלית' וואס דעמאלטס האט ער געבעטן דעם אייבערשטן אויף דעם.

יא האר אדער נישט האר - נישט דאס איז וואס עס סימבאליזירט מיין שיינקייט, מיין גאנצע שיינקייט איז אז איך גיי נאך א צדיק, אז איך פאלג א צדיק.

"הייליגער באשעפער איך בין גרייט אלעס אוועקצוגעבן פון מיר, באשעפער איך דארף גארנישט אין מיין לעבן - נאר ערליכע קינדער, איך געב אלעס אוועק אבי מיינע קינדער, אייניקלעך און אור אייניקלעך זאלן זיין ערליכע אידן מאמינים בה', זיי זאלן לעבן מיט דיר, זיי זאלן נאכגיין צדיקים און ערליכע אידן, זיי זאלן גיין אין די וועגן פון די תורה און זיי זאלן אלע האבן א שיינע לעבן".

מלכי נוצט אויס די צייט זיך אויסצובעטן אויף אלעס וואס זי דארף, קינדער, פרנסה, געזונט, שלום בית.

שעות שפעטער ווען איר מאן קומט אהיים, הערנדיג די פרייליכע בשורה, דערציילט ער איר ווי ער פלעגט זיך מאכן א צייט יעדן טאג ביי 'עטיפת טלית' וואס דעמאלטס האט ער געבעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, און ער פלעגט אויך צולייגן און בעטן אז זי און זייערע קינדער, און אלע זייערע דורות זאלן אלץ פאלגן און נאכגיין צדיקים.

יא, תפילה העלפט.

מיט תפילה קען מען אלעס פועל'ן, אפילו זאכן וואס זעען אויס אוממעגליך.

**"פאלגן א צדיק נאכגיין א צדיק,**

**אוי ווי זיס ווען מען קוקט צוריק,**

**נישט דא עפעס בעסער נישט דא עפעס זיסער,**

**ווי ערליכע וואוילע לעכטיגע קינדער.**

**איך גיי זיך שערן,**

**ישועות פארמערן,**

**נישט לאזן פון קיינעם זיך שטערן,**

**דאס איז מיין שיינקייט דאס איז מיין גאנצע פרייד,**

**אז אין די וועג פון צדיקים מ'גייט.**



# Carrot Muffins with Cream Cheese Frosting:

S. Levy

## Muffins:

4 eggs
1 3/4 cup sugar
Beat for 4 min then add:
1/4 cup orange juice
1 1/2 cups oil
2 1/2 cups flour
Pinch of salt
3/4 tsp baking powder
1 1/2 tsp cinnamon
1 tsp baking soda
1 lb grated carrots

Bake on 350' for 25 min
(Can also be done in 9x13 bake for 1 hour)
Bakers tip:
Mix in food processor using white beater like hook everything except for carrots then switch to shredder blade and shred carrots straight into batter then mix.

## Cream Cheese Frosting:

8 oz cream cheese
3/4 stick butter
1 tbsp vanilla sugar
1/4 cup confectioners sugar
Mix and pipe onto muffins using decorating tip.
For garnish crumble one muffin and sprinkle over frosting. Enjoy!

**פון דיר קען נאך אויך ווערן שיינע זאכן !** דער ראש ישיבה זאגט אונז כסדר נאך פון מוהרא"ש פאר שבועות א טעם פארוואס מען עסט מילכיג, א יעדע עסן ווי לאנג עס איז פריש נוצט מען עס, אבער איינמאל עס הייבט אן צו ווערן פארדארבן ווארפט מען עס גלייך אוועק, חוץ ביי מילכיג אויב עס ווערט פארדארבן ווערט עס פיינע קעז און הערשט דאמאלטס מאכט מען פון דעם גאר פיינע זאכן.

אויב די ווילסט מקבל זיין די תורה, יעצט ביסטו טאקע זייער דערהויבן, אבער דארפסטו קודם האבן די הקדמה אז אויב שפירסטו זיך נישט אזוי דערהויבן, די שפירסט נישט אזא פרישקייט, אפילו שפירסט זיך שוין אינגאנצן פארדארבן, קען נאך אלץ ווערן פון דיר גאר שיינע זאכן! די קענסט נאך אויך מאכן גאר פיינע זאכן. לכבוד יום טוב.




# באַרבעטע וועגן

די זון האט זיך ענדליך ערלויבט צו מאכן איר "אפיריענס". די גרויע און ווייסע וואלקענעס רוקן זיך מיט דעם פאסיגן כבוד, צו ערלויבן די זון איר צייט צו שיינען.

פרילינג איז ענדליך אין די לופט, א מחיה! די אייר רעגנס האבן געברענגט פיל השפעות. מיר האבן שוין אזוי לאנג אויסגעווארט אויף די ווארימע וועטערס, אויף די שיינע ליכטיגע טעג וואס דער אייבערשטער שיקט אונז אין דעם דאזיגן קורצן "סיזאן".

די קעלט לאזט נאך, די שניי איז שוין א פארגאנגענהייט, און דאס גרינע גראז, דיביימער און אלע סארטן קאלירטע בושעס שפראצן הערליך שיין, ברוך השם.

מען זעט שוין אויך אויף די ביימער די בלימעלעך וואקסן, וואס וועלן זיך אין א קורצע צייט אנטוויקלען אלס גרויסע גרינע בלעטער צו געבן שאטן אין די קומענדיגע הייסע טעג, אדער ביי געוויסע ביימער גאר זיסע זאפטיגע פירות.

אבער יעצט איז דאך ממש א מחיה; ווי דער רבי האט געזאגט, עס איז גוט צו זיין אין פעלד צווישן די גראזעלעך און רעדן צום אייבערשטן. אלע "עקסקיוזעס" זענען שוין אפגעלאפן, אלע תירוצים זענען שוין לאנג אויסגעוועפט.

איך האב ענדליך געמוזט טון דאס וואס איך וואלט ווען געוואלט טון יעדן טאג פון יאר, אבער יעצט איז עס ממש ביטול הבחירה: די וועטער האט מיר ארויסגעצויגן אויף א שיינעם

שפאציר. אזוי שפאצירנדיג קען איך אריינכאפן הנאה צו האבן פון דעם אייבערשטנ'ס הערליכע וועלט.

איך האב געצילט מיינע טריט צו דעם דערנעבנדיגן שטילן געסל, וואו מען קען כאפן א רואיגן שפאציר אוועק פון די רוישיגע גאסן. אנקומענדיג אהין, האב איך באמערקט אז עפעס רוישט זיך דא. דאס ערשטע הויז פונעם גאס, וואס שטייט געווענליך מיט א באזונדערע שטאלץ און פראכט אויפצונעמען אלע וואס גייען דא דורך - מיט איר הערליכן צוגעפיצטן גארטן וואס איז געשניטן ווי סאלדאטן פארנט פון דעם גרויסן פאלאץ וואס שטייט פונקט אינמיטן - איז איר דרייוועי' געווען אינגאנצן צעווארפן.

די גאנצע וועג פון שטיינער וואס פירט ארויף ביז צום מאהאגאני טיר פון דעם הויז, איז געווען ארומגעצויגן מיט שטריק וואס האט אנגעוויזן נישט ארייצוגיין, ווייל מען האלט יעצט אינמיטן איבערבויען דעם געציגלטן דרייוועי'.

איך בין געבליבן שטיין דארט עטליכע מינוט צו זען וואס די ארבעט איז. לויט ווי איך האב געדענקט פון די פילע מאל וואס איך האב זיך פארקוקט אויף דעם שיינעם פראפערטי בשעת'ן דורכמארשירן, איז עס געווען גאנץ און שיין, אויסגעשטעלט מיט אייגנארטיגע קאלירטע שטיינדעלעך, און עס האט גארנישט געפעלט דערצו.

טא, וואס איז די פשט פון די ארבעט דא?

אויף א נענטערן בליק האב איך געזען ווי צוויי גרופעס מענטשן ארבעטן דערויף אין די זעלבע צייט. די ערשטע גרופע ארבעט פון פאראויס; זיי רייסן אויס אלע קליינע שטיינדעלעך וואס זענען געווען ארטיסטיש אויסגעשטעלט אויפן וועג, אוןווארפן זיי אין א זייט. דאן קומט די צווייטע גרופע ארבעטער און נעמען אט די זעלבע שטיינער און לייגן זיי צוריק צוביסלעך, שטאטלעך און מייסטערהאפטיג, איינס ביי איינס. וואס איז דא די חידוש? וואס איז דער פשט?

איך בין געבליבן שטיין און געקוקט נענטער צו פארשטיין וואס די ארבעט באדייט.

מיט מיין בליק פונעם זייט האב איך קלאר געזען וואס די ארבעטער טוען. זיי רייסן ארויס דעם וועג וואס איז ארגינעל געווען זייער שיין געשטיינערט, אבער מיט די צייט איז עס געווארן עטוואס לויז און וואקלדיג. צווישן די שטיינער האבן אנגעהויבן ארויסוואקסן קליינע אומבא'טעמ'טע גראזן וואס מ'רופט "ווידס" (weeds).

די ארבעטער האבן ביים ארויסרייסן די שטיינערלעך אפגע'הרג'ט די גרינע ווידס דורך שפריצן א שטארקע סם-ספרעי' וואס הרג'עט עס אפ. דאן איז געקומען די צווייטע גרופע, און צוביסלעך האבן זיי צוריקגעלייגט די שטיינער אויף די טויטע ווידס, שיינערהייט אין א פונקטליכע און קלארע רייע; זיי האבן עס אויסגעשטעלט אזוי אז אלע זאלן זיך זעצן אויף זייער ריכטיגן ארט, שטארק צוגעקלעבט איינס צום צווייטן, כדי עס זאל נישט קענען ארויסוואקסן נאך ווידס אינדערצווישן.

אזוי קוקנדיג זע איך אן אינטערעסאנטע זאך: מען נעמט ארויס, מען שניידט אוועק דאס וואס איז נישט גוט, און מען לייגט עס צוריק אויפ'ן ריכטיגן ארט.

צוביסלעך ווערט צוזאמגעשטעלט א שיינע וועג פון אסאך קליינע שטיינדעלעך, נאנט איינס צום צווייטן מיט א ציכטיגן אויסזען - לכאורה פאר די שפאצירער ווי מיר, וואס וועלן דא קומען הנאה האבן פון דעם שטילן גאס.

די ארבעט איז אנגעגאנגען אזוי עטליכע טעג. ביים דורכשפאצירן דאס שטילע געסעלע אין די ווארימע "התבודדות שפאציר" טעג, פלעגט די טייערע Rolls-Royce קאר שטיין געפארקט אויפ'ן ראוד פארנט פונעם פראפערטי.

אבער איין טאג זע איך אז די לוקסוס קאר איז צוריק אויף איר דעזיגנירטן און פאסיגן איבערגעארבעטן פלאץ - נאנט צום זייטיגן טיר ביי די 4 קאר גאראדזש, ביים שפיץ פונעם געשטיינערטן וועג.

עפעס האט מיר אנגעהויבן קיצלען. איך האב זיך דערמאנט אין די זיסע עצה פונעם הייליגן רבי'ן, וואס לערנט אונז וויאזוי זוכה צו זיין צו א הייליגע צורה און א ליכטיג פנים דורך א ביסל התבודדות.

דער רבי רופט אן דאס פנים - א מנורה. ער שמועסט אויס וויאזוי די צוויי אויגן, די נאז, די צוויי אויערן און דאס מויל ווערן אנגערופן די "שבעת הנרות", אזוי ווי א מנורה וואס באלייכט. א מענטש קען זוכה זיין צו האבן א ליכטיג לעבן און שפירן אלוקות - אייבערשטער - אויב מ'הייליגט די שבעת הנרות מיט פשוט'ע תפילות.

דער רבי גיט נישט נאר אן עצה וואס מיר דארפן זיך נאכדעם אליין מיט דעם ראנגלען, נאר ער גיט אויך

מיט מיין בליק פונעם זייט האב איך קלאר געזען וואס די ארבעטער טוען. זיי רייסן ארויס דעם וועג וואס איז אריגינעל געווען זייער שיין געשטיינערט.

דעם מהלך וויאזוי צוצוקומען צו די עצה. מען נעמט יעדן אבר פון די שבעת הנרות באזונדער און מען בעט דערויף, מען מאכט א תפילה: "הייליגער באשעפער, גיב מיר הייליגע אויגן; גיב מיר ריינע אויגן. העלף מיר איך זאל קוקן גוט אויף יעדן איינעם און נישט קוקן אויף קיין שום שלעכטס," און מ'לייגט עס צוריק אין פלאץ.

דאן נעמט מען די נאז און מ'בעט: "הייליגער באשעפער, גיב מיר א הייליגע נאז - איך זאל זיך נישט רעגן," אזוי ווי כעס ווערט אנגערופן "חרון אף" אויפן נאז.

ווען מען ענדיגט בעטן אויף כעס, מ'זאל זיך נישט אויפרעגן ווען זאכן גייען נישט וויאזוי עס שמעקט, גייט מען צו די אויערן און מ'בעט: "הייליגער באשעפער, גיב מיר הייליגע אויערן - איך זאל הערן נאר גוטס, און נישט נכשל ווערן מיט שמועות אסורות, לשון הרע, רכילות, ליצנות, און אזוי ווייטער."

דאן בעט מען אויפן מויל: "הייליגער באשעפער, געב מיר א הייליג מויל - איך זאל זוכה זיין צו ריינע דיבורים, צו ניצן דאס מויל צו רעדן צו דיר אייבערשטער, און ניצן דאס מויל בלויז פאר גוטס".

און אזוי גייט מען דורך די אברים איינס ביי איינס; מ'נעמט זיי ארויס, מ'פוצט זיי אפ, מ'הרג'עט אוועק דאס גאנצע שלעכטס וואס וואקסט ארום דעם אבר, און מ'לייגט עס שיין צוריק. דערביי בויט מען א הערליך ציכטיגן וועג, א וועג וואס לאזט נישט ארויסוואקסן קיין דערנער און ווילדע גראז אינמיטן די נאטורליכע מדות רעות ווי כעס, שנאה, קנאה, כבוד און גאווה... וואס לייגן דעם מענטש צו גרונד נאך א שטיק צייט.

אויב אבער טוט מען אזוי, איז די טייערע נשמה נאך א קורצע צייט גרייט ווייטער צו זיצן מיט איר פולן שטאלץ אויף איר ריכטיגן פלאץ - אינעם הארץ פון יעדן איד - ארומגענומען מיט די שענסטע און הייליגסטע מדות און נאטורן.

און דאס איז טאקע די נושא וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן אפאר וואכן צוריק אין עצתו אמונה פרשת אחרי - קדושים פ"ו:

**עס איז גוט מען זאל לערנען מיט די קינדער - יעצט אין די זומער וואכן - "פרקי אבות"; די טיטשערס זאלן אריינלייגן אין די קינדער מידות טובות, מען זאל רעדן צו די קינדער פון בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, און אז מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין ארויסצוגיין פון אלע שלעכטע מידות און שלעכטע תאות, ווייל דער עיקר איז - האבן גוטע מידות; מען קען זייער מצליח זיין, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות - מיט גוטע מידות, און אויב מען האט שלעכטע מידות - איז אזוי געפערליך, די גאנצע לעבן איז אזוי ביטער, מען איז פארשווארצט פון אנהייב ביזן סוף.**

**אז מען טראכט אריין זעט מען, אז זוכה זיין צו האבן גוטע מידות איז די שווערסטע זאך; מען קען לערנען, מען קען זיין א גרויסער למדן, און אפילו א מקובל - און מען האט נישט קיין מידות, מען שטעכט מענטשן, מען טוט וויי מענטשן, מען ווערט בכעס, און אז איינער רירט אן די כבוד קומט מען אן ביז רציחה ממש השם ישמרינו; איז וואס איז שוין ווערד דער מענטש מיט די למדנות וכו'? אז מען האט נישט קיין מידות האט מען גארנישט.**

**דעריבער יעצט ווען מיר ציילן די טעג פון ספירה, מיר גרייטן זיך צו קבלת התורה - איז דער מנהג צו לערנען פרקי אבות וואס רעדט פון תיקון המידות, ווי אזוי צו פאררעכטן די מידות, ווייל דאס איז די יסוד פונעם מענטש.**

**חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ירושלמי נדרים ט, ד; שבת לא.): "זה כלל גדול בתורה", אכטונג געבן אויף אנדערע, נישט טון וויי אנדערע, און אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין פטור צו ווערן פון די שלעכטע מידות, בעיקר די געפערליכע שלעכטע מידה פון כעס, וואס דאס מאכט חרוב דעם מענטש, א כעסן פארלירט אלעס; און נאך מיט תפילה, דורך אסאך וויינען צום אייבערשטן, איז מען זוכה צו קומען צו אריכות אפים.**

# הער א מעשה

רופט אריין מיט אייער מעשה צו ל. וועבערמאן 845-662-4083 אדער שיקט צו Inderheim@bletelmagazine.com

## פ. ב

קרית יואל

איך האב געהאט אן אלטע עיר קאנדישאן וואס איך האב ארויסגעשטעלט פון מיין דיינינג רום. די אלטע מאשין וואס די פריערדיגע איינוואוינער האבן איבערגעלאזט איז געווען צובראכן, האב איך עס מיט אפאר יאר צוריק ארויסגעשטעלט אינדרויסן. עס וועגט גאנץ אסאך, און די בינען האבן זיך געמאכט א נעסט דארט אינעווייניג.

איך האב מורא געהאט עס צו רירן אדער אפילו ארויסצולייגן פאר "באלק פיק-אפ" (bulk pickup), ווייל איך האב מורא געהאט אז עס זענען דא דארט בינען. אויסער דעם דארף מען עס קענען שלעפן, און עס איז מורא'דיג שווער.

למעשה, ערב פסח ווען איך האב אופגעקלינט די לאט, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן: "באשעפער, עס באדערט מיך אז די עיר קאנדישאן ליגט דא ווי א קלאץ, הלוואי איינער זאל עס שוין אוועקנעמען."

ס'איז געווען בדיקת חמץ ביינאכט, און איך בין ארויסגעגאנגען אין גאס נעבן די גארבידשעס. אינמיטן הער איך... נעבן מיר וואוינט א משפחה. זיי קומען ארויס שבתים, זיי האבן א summer house דארט. איך זע א גוי מיט א גאנצע שטאב מענטשן קלינען אויף די לאט, און ער זאגט מיר: "Hey Mrs., want me to take away your air conditioner?"

פרעג איך אים: "For free?" זאגט ער: "Yes, I'm taking it away." זאג איך אים: "Sure, no problem."

ער קומט צו, נעמט עס אריין אין זיין טראקל, און איך האב ממש געזען חסד השם. דאס איז נאך אלעס געווען פאר די מעשה. נאכדעם פרעגט ער מיר צי איך וויל אן estimate פאר מיין לאט, ווייל ער איז אויך א גראז שניידער. זאג איך: "No problem, שוין." ער דרייט זיך ארום און זאגט מיר: "Listen, דיין לאט דארף אסאך ארבעט, ווייל ערב ווינטער האט מען נישט אוועקגענומען די בלעטלעך." סאו, נאר פארן אוועקנעמען די בלעטלעך און שניידן די גראז וועט קאסטן זעקס הונדערט דאלאר. און נאכדעם, אין בעק, האב איך א בוים וואס עס הענגט דארט א ריזיגע צווייג וואס איז זייער scary. פארן אראפנעמען יענע צווייג וועט ער נעמען נאך צוויי הונדערט פופציג דאלאר. בקיצור, אכט הונדערט פופציג דאלאר.

און איך טראכט צו מיר, "העלאו, ס'איז זייער אסאך געלט פאר גראז." איך ווייס נישט, איך גיי אפילו נישט פרעגן מיין מאן, איך קען מיר עס נישט ערלויבן. שוין, האב איך עס געלאזט לויפן. ס'איז נאך געווען קאלט, האב איך נישט געקערט. איין טאג זענען געווען מורא'דיגע ווינטן, און דער אייבערשטער האט בחינם אפגעשניטן מיין צווייג; עס איז פשוט געפאלן אליין.

יעצט זומער, ס'איז א שיינע וועטער, און איך גיי יעדן טאג צום באס מיט מיינע קינדער און איך זע ווי די גראז ווערט העכער און העכער. איך טראכט ביי מיר, "באשעפער, איך וויל אזוי שטארק האבן א שיינע לאט; הלוואי זאל די גראז זיין אפגעשניטן און די אלע בלעטער זאלן זיין אוועקגענומען, אבער איך ווייס אז עס קאסט טייער.

פלוצלינג רופט מיר מיין מאן און זאגט מיר אז ער האט געטראפן דעם מעקסיקאנער גוי וואס פלעגט שניידן די גראז פאריאר, און ער איז מורא'דיג טשיפ, עכט ביליג - בערך פינף און זיבעציג דאלאר.

ער האט אים אנגערופן זאגן אז ער קוקט איבער די ליסטע פון זיין קאסטומערס פון פאריגע יאר, און ער פרעגט צי מיין מאן וויל ער זאל קומען אופקלינען די לאט. אויב ער נעמט אים פארן גאנצן זומער, אזוי יעדע צוויי-דריי וואכן צו שניידן די גראז, דעמאלטס מאכט ער יעצט די גאנצע לאט ריין פון די בלעטער און אלעס פאר בלויז הונדערט דאלער.

איך זאג פאר מיין מאן: "זעסטו וואס דא גייט פאר? דאס איז מיין מעשה פון תפילה.

# שבועות גערעדט

קינדער היים

# וואס איז דיין בעסטע זאך פון יום טוב שבועות?

שיק אריין די ענטפער

ביז זונטאג נשא 12:00 נאכמיטאג

אויף 845-379-1161 אדער אויף kinderheim@bletelmagazine.com

ביטע איבערגעבן קלאר די **נאמען, יארגאנג**, און **וואוינארט**



# שרייב טישל

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן צו זען א בילד פון **ר' אלחנן וואסערמאןה זי"ע**



בילד פון פארגאנגענע וואך: **ר' ישעי'לע קערעסטירער זי"ע**



שיק אריין צום קינדערהיים ווי שיין דו האסט געקאלערט דעם פעידזש
און די שענסטע וועלן אריינגיין אין די קומענדיגע בלעטלעך אי"ה



ביילד פון פארגאנגענע וואך: **משפחת שטיינבערג**



# הײמיש

א
מעשה'לע
פונדערהיים
פארן
קינדערהיים

## קאַמְפְּלֶעקְס

פְרֵיידִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט אוֹיפְגֶעלֵייגְט. זִי אִיז יֶעצְט גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים פוּן אַ פַארְבְּרֶענְג מִיט אִירֶע קָאזִינְס אִין בָּארָא פַּארְק בַּיי דִי בַּאבֶּע. דִי בַּאבֶּע הָאט לִיבּ אֵיינְמָאל אַ יָאר צַאמְצוּנֶעמֶען דִי אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס זֶענֶען אִין אֵיין עֶלְטֶער אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְן אַבִּיסְל מַעֲשִׂיוֹת פוּן "דֶער אַלְטֶער הֵיים". דִי בַּאבֶּע הָאט דֶערְצֵיילְט זֵייעֶר שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת, פוּן וֶועלְכֶע אַלֶע אֵיינִיקְלֶעךְ הָאבְּן זִיךְ אַזוֹיפִיל אַרוֹיסְגֶעלֶערְנְט אוּן צוּגֶעגְרֵייט אַ שֵׁיינֶע פְּרָאגְרַאם פַאר אִירֶע אֵיינִיקְלֶעךְ.

זֵיי הָאבְּן אַנְגֶענֶעם גֶעשְׁמוּעֶסְט, גֶעשְׁפִּילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע שְׁפִּיל אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, גֶעגֶעסְן גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן. פְרֵיידִי הָאט גֶעהַאט אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אִיר מַאמֶע אַז זִי וֶועט אַהֵיימְפָארְן מִיט דִי פִיר אַזֵייגֶער בָּאס קַיין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן אַצִינְד אִיז זִי גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף פִּיפְצֶענְטֶע עֶוֶוענְיוּ אִין בָּארָא פַּארְק אוּן גֶעוַוארְט אוֹיפְ'ן בָּאס.

פְרֵיידִי אִיז דָארְט גֶעוֶוען אִינְאֵיינֶעם מִיט אִיר קָאזִין צִירִי. צִירִי הָאט אוֹיךְ גֶעוואוֹינְט אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אוּן אִינְאֵיינֶעם הָאבְּן זֵיי אִיבֶּערְגֶעשְׁמוּעֶסְט דִי פַארְבְּרֶענְג ווִי שְׁטַארְק זֵיי הָאבְּן הַנָאָה גֶעהַאט בַּיי זֵייעֶר בַּאבֶּע.

ווִי נָאר דִי צְוֵוויי מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן גֶעזֶען דִי בָּאס, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי רֵייעֶ אַרוֹיפְצוּגֵיין. צִירִי אִיז גֶעגַאנְגֶען עֶרְשְׁט אוּן פְרֵיידִי אִיז אִיר נָאכְגֶעגַאנְגֶען.

גֵייעֶנְדִיג אוֹיפְ'ן בָּאס הָאבְּן זֵיי גֶעזוּכְט צְוֵוויי פְּלֶעצֶער אֵיינֶע נֶעבְּן דִי צְוֵוייטֶע. רוֹב פְּלֶעצֶער זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נָאךְ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן צְוֵוויי לֵיידִיגֶע עֶרְטֶער.

דִי קָאזִינְס הָאבְּן זִיךְ אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט אוּן וַוייטֶער גֶעשְׁמַאק פַארְבְּרֶענְגְט.

פְלוּצְלִינְג הָאט פְרֵיידִי בַּאמֶערְקְט אַז אִיר נָאנְטֶע חַבֶרְ'טֶע שָׂרָה שֵׁיינְדִי זִיצְט אוֹיךְ אוֹיפְ'ן בָּאס. זִי הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעבּוֹיגְן פוּן אִיר זִיץ צוּ קֶענֶען זֶען אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע אִיר חַבֶרְ'טֶע אוּן זִי הָאט בַּאשְׁטֶעטִיגְט אַז יָא. דָאס אִיז שָׂרָה שֵׁיינְדִי.

פְרֵיידִי הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט. זִי הָאט נִישְׁט גֶעזֶען ווִי שָׂרָה שֵׁיינְדִי אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיפְ'ן בָּאס. עֶס מוּז זַיין אַז זִי אִיז דָא גֶעוֶוען פַאר אִיר, אוּן דֶערְפַאר אִיז גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס אִיר חַבֶרְ'טֶע הָאט אִיר נִישְׁט בַּאגְרִיסְט וֶוען זִי אִיז אִיר אַרִיבֶּער.

דִי בָּאס אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶעפוּלְט אוּן פְרֵיידִי הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן צוּגֵיין צוּ אִיר חַבֶרְ'טֶע. שְׁרֵייעֶן הָאט זִי אַווַדַאי נִישְׁט גֶעקֶענְט, וַוייל דָאס אִיז קֶעגְן צְנִיעוּת.



דֶערִיבֶּער אִיז זִי גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט. זִי הָאט מִיטְגֶעטֵיילְט אִיר וואוּנְדֶער מִיט אִיר קָאזִין צִירִי, וֶועלְכֶע הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז זֵייעֶר מָאדְנֶע.

מִיט דִי צַייט אִיז אִיר פַארְוואוּנְדֶערוּנְג פַארְוַואנְדְלְט גֶעוָוארְן אִין אַ וֵוייטָאג אוּן אוֹיךְ אַבִּיסְל כַּעַס.

"פַארְוָואס הָאט זִי מִיר נִישְׁט גֶעגְרִיסְט?" הָאט זִי זִיךְ גֶערֶעגְט אִין גֶעדַאנְק, "אִיז זִי בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר? אִיךְ הָאבּ אִיר גָארְנִישְׁט גֶעטוּעֶן...."

פְרֵיידִי הָאט שׁוֹין גֶעבּוֹיעֶט גַאנְצֶע בִּנְיָנִים אִין מֹחַ. וֶוען דִי בָּאס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אִיז זִי שׁוֹין זִיכֶער גֶעוֶוען אַז זֵיי זֶענֶען צֶעקְרִיגְטֶע חַבֶרְ'טֶעס אוּן שָׂרָה שֵׁיינְדִי אִיז שׁוּלְדִיג.

דִי בָּאס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף בֶּעדְפָארְד עֶוֶוענְיוּ אוּן פְרֵיידִי אִיז אַרָאפּ. אַזוֹיוִוי שָׂרָה שֵׁיינְדִי הָאט אוֹיךְ גֶעווֹאוֹינְט אִין יֶענֶע גֶעגְנְט אִיז זִי אַרָאפּ אִינְאֵיינֶעם מִיט פְרֵיידִי.

דִי צְוֵויי חַבֶרְ'טֶעס הָאבְּן זִיךְ בַּאגֶעגְנְט. פְרֵיידִי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ קַאלְטֶע שָׁאקְל מִיטְ'ן קָאפּ אוּן גֶעגְרִיסְט אִיר חַבֶרְ'טֶע.

צוּ אִיר שְׁטוֹינוּנְג הָאט אִיר חַבֶרְ'טֶע אִיר בַּאגְרִיסְט מִיט דִי זֶעלְבֶּע רֶעאַקְצְיֶע.

"אַ גוּטְן טָאג." הָאט שָׂרָה שֵׁיינְדִי קַאלְט גֶעזָאגְט, אוּן דֶערְמִיט אִיז זִי אַרִיבֶּער דִי גַאס אוּן אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען.

פְרֵיידִי אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט. זִי הָאט נִישְׁט עֶרְוַוארְטֶעט אַזַא קַאלְטֶע רֶעאַקְצְיֶע פוּן שָׂרָה שֵׁיינְדִי. זִי הָאט זִיךְ פְּרָאבִּירְט צוּ דֶערְמַאנֶען מִיט וָואס זִי הָאט גֶעקֶענְט וֵויי טוּן אִיר חַבֶרְ'טֶע, אָבֶּער זִי הָאט זִיךְ בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְמַאנֶען.

בְּלֵית בְּרֵירָה אִיז זִי אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען. אִיר גוּסְטֶע אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי גוּטְמוּטִיג וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר. אִיר מֹחַ הָאט גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין טְרַאכְטְן פוּן שָׂרָה שֵׁיינְדִי אוּן פוּן אִיר קַאלְטֶע בַּאצִיאוּנְג.

"אַזַא סָארְט אִיז זִי." הָאט זִי גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, "זִי דַארְף מִיר אַלְץ חַבֶרְ'טֶע, נָאר וֶוען אִיךְ קוּם אִיר צוּנִיץ. יֶעצְט אִיז זִי נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דִי גוּסְטֶע פוּן מִיר, הָאט זִי מִיר פָּשׁוּט אִיגְנָארִירְט."

פְרֵיידִי אִיז שְׁפֶּעט אַיינְגֶעשְׁלָאפְן יֶענֶע נַאכְט. עֶס אִיז אִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר אוּמְאַנְגֶענֶעם צוּ טְרֶעפְן שָׂרָה שֵׁיינְדִי אִין סְקוּל דִי קוּמֶענְדִיגֶע טָאג.

דֶעם נֶעקְסְטְן טָאג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפִיל בֶּעסֶער. בַּיי פְרִישְׁטָאג הָאט שָׂרָה שֵׁיינְדִי אוֹיסְגֶעמִיטְן פְרֵיידִי'ס בְּלִיק אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע זַייט טִישׁ.

אוֹיךְ בַּיי רִיסֶעס הָאט זִיךְ שָׂרָה שֵׁיינְדִי גֶעמַאכְט זֵייעֶר פַארְנוּמֶען מִיט אִיר אַרְבֶּעט, כְּדֵי זִי זָאל נִישְׁט דַארְפְן רֶעדְן צוּ פְרֵיידִי.

נָאךְ רִיסֶעס אִיז דִי לֶערֶערִין אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי שִׁיעוּר. אַזוֹיוִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי יְמֵי הַסְפִירָה הָאט זִי פָארְגֶעלֶערְנְט אַ גֶעדַאנְק פוּן אַהֲבַת חֲבֵרִים.

דִי לֶערֶערִין הָאט זֵייעֶר שֵׁיין דֶערְצֵיילְט פוּן דִי סְפִירָה טֶעג וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזֶענְט תַּלְמִידִים. דִי לֶערֶערִין הָאט גֶעזָאגְט אַז יֶעצְט אִין דִי סְפִירָה טֶעג אִיז דִי צַייט וֶוען מִיר דַארְפְן זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן אוּן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אִין דִי מִדָה פוּן וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ, דָאס מֵיינְט לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם אַזוֹיוִוי זִיךְ אַלֵיינְס!

זִי הָאט אוֹיךְ פַארְצֵיילְט אַפָּאר שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת, וָואס דִי מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן גֶעדַארְפְט

# היימיש



אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אִין זֵייעֶרֶע הֶעפְטְן.

וִוי נָאר דִי גְלָאק הָאט גֶעקְלוּנְגֶען, אִיז פְרֵיידִי אוֹיפְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּן פְּלַאץ. דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי לֶערֶערִין הָאט גֶעזָאגְט, הָאבְּן אִיר גֶעמֵיינְט אוּן זִי הָאט בַּאשְׁלָאסְן אוֹיסְצוּפִירְן לְמַעֲשֶׂה וָואס זִי הָאט גֶעלֶערְנְט.

מִיט שְׁנֶעלֶע טְרִיט אִיז זִי צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ שָׂרָה שֵׁיינְדִי.

"עֶה, שָׂרָה שֵׁיינְדִי, אִיךְ וִויל דִיר עֶפֶּעס זָאגְן."

שָׂרָה שֵׁיינְדִי הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אִירֶע אוֹיגְן צוּ פְרֵיידִי, אַבִּיסְל שָׁאקִירְט.

"מִיר הָאבְּן יֶעצְט גֶעלֶערְנְט וֶוען דִי סְפִירָה טֶעג אוּן אִיךְ וִויל מַאכְן שָׁלוֹם מִיט דִיר."

פְרֵיידִי הָאט גֶעשְׁלִינְגֶען. עֶס אִיז אִיר שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן. פְרֵיידִי הָאט בַּאמֶערְקְט אַז שָׂרָה שֵׁיינְדִי זֶעט אוֹיס זֵייעֶר אִיבֶּערַאשְׁט, אָבֶּער זִי הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט.

"עֶס הָאט מִיר וֵויי גֶעטוּן פַארְוָואס דוּ הָאסְט מִיר אִיגְנָארִירְט נֶעכְטְן אוֹיפְ'ן בָּאס." הָאט זִי גֶעזָאגְט אוֹיפְרִיכְטִיג. "דוּ בִּיסְט עֶפֶּעס פַארְוֵוייטָאגְט פוּן מִיר? אִיךְ וִויל זַיין דַיין חַבֶרְ'טֶע."

אַצִינְד הָאט שָׂרָה שֵׁיינְדִי אוֹיסְגֶעזֶען בֶּאֱמֶת אִיבֶּערַאשְׁט.

"אִיךְ הָאבּ דִיר אִיגְנָארִירְט?!" הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט אַבִּיסְל צוּ הוֹיעֶךְ, "אִיךְ מֵיין אַז דוּ הָאסְט מִיר אִיגְנָארִירְט."

עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי שָׂרָה שֵׁיינְדִי הַאלְט צוּרִיק אִירֶע טְרֶערְן, אָבֶּער זִי הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט.

"דוּ בִּיסְט אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט דַיין קָאזִין צִירִי אוּן דוּ בִּיסְט מִיר אַדוּרְךְ. דוּ הָאסְט זִיךְ אָבֶּער אֲפִילוּ נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט מִיר צוּ בַּאגְרִיסְן. אִיךְ הָאבּ דִיר פְּרָאבִּירְט צוּ וִוינְקֶען אוּן וַוייזְן מִיט דִי הֶענְט, אָבֶּער דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג גֶעמַאכְט פוּן מִיר." שָׂרָה שֵׁיינְדִי הָאט אוֹיסְגֶעזֶען זֵייעֶר בַּאלֵיידִיגְט.

"דוּ וֵוייסְט וִוי פַארְוֵוייטָאגְט אִיךְ בִּין גֶעוֶוען. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלָאפְן. אִיךְ הָאבּ גֶעקְלֶערְט אַז וַוייל דוּ הָאסְט דַיין קָאזִין דַארְפְסְטוּ מִיר מֶער נִישְׁט. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט לִיבּ."

אַצִינְד אִיז גֶעוֶוען פְרֵיידִי'ס רֵייעֶ צוּ זַיין שָׁאקִירְט.

"אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט. אוֹיךְ אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלָאפְן. אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט בַּאגְרִיסְט. שָׂרָה שֵׁיינְדִי, גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט בַּאמֶערְקְט. זֶעט אוֹיס אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען צוּ פַארְטוּן אִין מַיין שְׁמוּעֶס. אִיךְ בֶּעט דִיר זַיי מִיר מוֹחֵל."

שָׂרָה שֵׁיינְדִי הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ אִיר חַבֶרְ'טֶע. "אִיךְ בִּין דִיר מוֹחֵל. אַז מֶען פִירְט אוֹיס וָואס מֶען לֶערְנְט דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט. שְׁטֶעל זִיךְ פָאר מִיר וָואלְטְן גֶעקֶענְט דֶערְלֵייגְן אַזַא גוּטֶע חַבְרוּתָא אִיבֶּער אַ מִיסְפַארְשְׁטֶענְדֶענִישׁ!"

"יָא, יָא, אָבֶּער אִין אֶמֶת'ן זֶענֶען מִיר בֵּיידֶע אַבִּיסְל שׁוּלְדִיג." הָאט פְרֵיידִי גֶעזָאגְט.

"פַארְוָואס?" הָאט שָׂרָה שֵׁיינְדִי גֶעוָואלְט וִויסְן.

"וַוייל מִיר וָואלְטְן בֵּיידֶע גֶעדַארְפְט דַן זַיין לְכַף זְכוּת אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מִיר וָואלְטְן גֶעדַארְפְט טְרַאכְטְן שֵׁיין אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן!"

# געמאלן

א מעשה פון תפלה




געמאלן: מאיר פעלבערבוים נ"י

געמאלן: טיי שעכטער תחי'

שיקט אריין אייער מאלערײ צו:

845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# יאָרצייטן פון די וואָך

דער הייליגער

## רבי מאיר פרעמישלאן

זי"ע

יארצייט:
כ"ט אייר

**דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, כ"ט אִיָּר, גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מֵאִירְ'ל פְּרֶעמִישְׁלַאנֶער זצוק"ל.**

רֶבִּי מֵאִירְ'ל אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן זַיין גְרוֹיסְן פָּאטֶער רֶבִּי אָרוֹן לֵייבּ. עֶר פְלֶעגְט אוֹיךְ אַסַאךְ פָאְרן צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין אוּן צוּ הרה"ק רֶבִּי מָרְדְכַי מִקְרֶעמְנִיץ (אַ זוּן פוּן רֶבִּי מִיכְל'עֶ זְלָאטְשְׁוּבֶ'ער).

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זצ"ל פְלֶעגְט פָארְן צוּ רֶבִּי מֵאִירְ'ל. אֵיינְמָאל וֶוען דֶער צַאנְזֶער רָב אִיז דָארְט גֶעוֶוען, הָאט רֶבִּי מֵאִירְ'ל זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "צַאנְזֶער רָב, אִיר זֶענְט דָאךְ פוּנֶעם בֵּית דִין הַגָּדוֹל. וָואס הַאלְט אִיר, דַארְף מֵאִירְ'ל וואוֹינֶען אִין אַזַא קְלֵיינֶע עֶנְגֶע דִירָה, אָדֶער אִיז שׁוֹין צַייט אַז מֵאִירְ'ל זָאל גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסֶע רַחְבוּת'דִיגֶע דִירָה?"

"זִיכֶער זָאלְט אִיר אַרִיבֶּערְגֵיין צוּ אַ גְרוֹיסֶע בַּאקְוֶועמֶע דִירָה," הָאט דֶער צַאנְזֶער רָב גֶעעֶנְטְפֶערְט.

"אִיךְ וֶועל טַאקֶע אַזוֹי טוּן," הָאט רֶבִּי מֵאִירְ'ל גֶעזָאגְט.

דַאן הָאט זִיךְ דֶער צַאנְזֶער רָב גֶעכַאפְּט אַז רֶבִּי מֵאִירְ'ל מֵיינְט אַוַודַאי נִישְׁט קַיין בַּאקְוֶועם הוֹיז אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייל צַדִיקִים דַארְפְן דָאךְ נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע אוּן שֵׁיינֶע הַייזֶער; זֵייעֶר גַאנְצֶער קָאפּ לִיגְט נָאר אִין אוּנְזֶער 'אֵייבִּיג הוֹיז', דָאס הֵייסְט עוֹלָם הַבָּא אִין גַן עֵדֶן.

"אִיךְ רֶעד נָאר פוּן אַ דִירָה אוֹיף דֶער וֶועלְט," הָאט דֶער צַאנְזֶער רָב שְׁנֶעל צוּגֶעלֵייגְט. אָבֶּער דֶער צַדִיק הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעדַארְפְט הֶערְן מֶער.

"אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעדַארְפְט אַייעֶר הַסְכָּמָה," הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל. אַפָּאר וָואכְן שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער צַדִיק רֶבִּי מֵאִירְ'ל נִפְטָר גֶעוָוארְן.

פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד, הָאט מֵאִירְ'ל זֵייעֶר גֶעהִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן אוּן זַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הִיט זַיינֶע אוֹיגְן, זַיינֶע אוֹיעֶרְן אוּן זַיין מוֹיל, קוּמְט עֶר צוּ בִּיז רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. יֶעדֶע קִינְד אוּן יֶעדֶע אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ, אוֹיבּ עֶר וֶועט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן אוּן מַחֲשָׁבוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הָאט שׁוֹין אַלְס יוּנְג קִינְד גֶעהִיטְן זַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן זַיינֶע אוֹיגְן, אוּן פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶס הָאט גֶערוּט אוֹיף אִים אַ הֵיילִיגְקֵייט.

אֵיינְמָאל וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען צֶען יָאר אַלְט, אִיז מֵאִירְ'ל גֶעוֶוען אִין מַארְק. דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן שִׁמְעוֹן דֶער קַצָּב.

אַ קַצָּב אִיז אַ בּוּטְשֶׁער, אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְקוֹיפְט פְלֵיישׁ; עֶר גֵייט אִין מַארְק אוּן קוֹיפְט אַיין בְּהֵמוֹת, דֶערְנָאךְ נֶעמְט עֶר אַ שׁוֹחֵט עֶס זָאל שֶׁחְטְ'ן פַאר אִים, אוּן דֶערְנָאךְ פַארְקוֹיפְט עֶר דִי פְלֵיישׁ.

זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, נָאכְ'ן קוֹיפְן אַ טֵייעֶרֶע בְּהֵמָה, הָאט מֶען עֶס גֶע'שָׁחְטְ'ן אוּן גֶעזֶען אַז עֶס אִיז טְרֵיפָה. עֶפֶּעס אִין דִי בְּהֵמָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען כָּשֵׁר, וִוי לְמָשָׁל אַ צוּבְּרָאכֶענֶע בֵּיין אָדֶער אַ הַארְץ וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט. דֶעמָאלְטְס וֶוערְט דִי גַאנְצֶע בְּהֵמָה טְרֵיפָה אוּן דֶער קַצָּב הָאט אַ גְרוֹיסְן שָׁאדְן, וַוייל עֶר קֶען עֶס נִישְׁט פַארְקוֹיפְן פַאר אִידְן אוּן עֶר פַארְלִירְט גֶעלְט.

מֵאִירְ'ל הָאט גֶעזֶען דֶעם קַצָּב אוּן אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים: "אִיךְ גֵיי נָאךְ צְדָקָה, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן אַ דָאלֶער?"

"מֵאִירְ'ל, אִיךְ גֶעבּ דִיר צְוֵויי רֶענְדְלֶעךְ אוֹיבּ דוּ זָאגְסְט מִיר צוּ דִי בְּהֵמָה וָואס אִיךְ וִויל יֶעצְט קוֹיפְן אִיז כָּשֵׁר." דֶער קַצָּב הָאט גֶעמַאכְט אַ וֶוערְטְל, אָבֶּער מֵאִירְ'ל הָאט עֶס אָנְגֶענוּמֶען עֶרְנְסְט.

"אוֹיבּ אִיר גֶעט מִיר צֶען רֶענְדְלֶעךְ פַאר צְדָקָה, וֶועל אִיךְ אַייךְ זָאגְן," הָאט מֵאִירְ'ל גֶעעֶנְטְפֶערְט.

דֶער קַצָּב אִיז אַיינְגֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן גֶעשֶׁעפְט אוּן הָאט אָנְגֶעוִויזְן פַאר מֵאִירְ'ל אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע בְּהֵמָה. "דִי בְּהֵמָה אִיז טְרֵיפָה," הָאט מֵאִירְ'ל גֶעזָאגְט. דֶער קַצָּב הָאט אָנְגֶעוִויזְן אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע בְּהֵמָה, אוּן מֵאִירְ'ל הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי בְּהֵמָה אִיז יָא כָּשֵׁר.

זַייט יֶענֶעם טָאג הָאט דֶער קַצָּב אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן בִּיזְנֶעס מִיט מֵאִירְ'ל. עֶר פְלֶעגְט אִים גֶעבְּן גֶעלְט פַאר צְדָקָה, אוּן מֵאִירְ'ל פְלֶעגְט אִים זָאגְן וֶועלְכֶע בְּהֵמָה צוּ קוֹיפְן.

אַזוֹי אִיז עֶס אָנְגֶעגַאנְגֶען פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, בִּיז דִי אַנְדֶערֶע קַצָּבִים אִין שְׁטָאט

הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאמֶערְקְן אַז עֶפֶּעס גֵייט דָא פָאר; שִׁמְעוֹן הָאט שְׁטֶענְדִיג נָאר כָּשֵׁר'ְעֶ בְּהֵמוֹת. זֵיי הָאבְּן אִים חוֹשֵׁד גֶעוֶועְן אַז אֶפְשָׁר גֶעט עֶר חַס וְשָׁלוֹם שֹׁחַד פַאר דִי שׁוֹחֲטִים זֵיי זָאלְן זָאגְן אַז זַיינֶע בְּהֵמוֹת זֶענֶען כָּשֵׁר, אָבֶּער דִי שׁוֹחֲטִים הָאבְּן זֵיי פַארְזִיכֶערְט אַז נֵיין, זֵיי נֶעמֶען חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ טוּן עֶפֶּעס וָואס אִיז קֶעגְן דִי הֲלָכָה.

הָאבְּן דִי קַצָּבִים אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְצוּקוּקְן שִׁמְעוֹן צוּ זֶען וָואס דָא קוּמְט פָאר. זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען טָאג נָאךְ טָאג אוּן הָאבְּן בַּאמֶערְקְט וִוי שִׁמְעוֹן גֵייט אַרוּם מִיט אַ קְלֵיין קִינְד בַּיים אַיינְקוֹיפְן דִי בְּהֵמוֹת.

שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען זֵיי צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ מֵאִיר'ל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס טוּסְטוּ דָארְט מִיט שִׁמְעוֹן?"

הָאט דָאס קִינְד זֵיי דֶערְצֵיילְט דֶעם אֱמֶת, אַז דֶער קַצָּב גֶעבְּט אִים גֶעלְט פַאר צְדָקָה אוּן עֶר וַוייזְט אִים וֶועלְכֶע בְּהֵמָה עֶס אִיז כָּשֵׁר.

דִי קַצָּבִים הָאבְּן זִיךְ אַלֶע צוּגֶעכַאפְּט דֶערְצוּ, אוּן יֶעדֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רוּפְן מֵאִיר'ל אוּן אִים גֶעבְּן גֶעלְט פַאר צְדָקָה עֶר זָאל זֵיי וַוייזְן וֶועלְכֶע בְּהֵמָה עֶס אִיז כָּשֵׁר.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיין אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן דֶערְפוּן אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס. וֶוען מֵאִיר'לְס מְלַמֵּד, וָואס אִיז גֶעוֶועְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶערוּפְן דֶעם קְלֵיינֶעם מֵאִיר'ל אוּן אִים גֶעהֵייסְן אוֹיפְהֶערְן צוּ פְּרַאוֶועְן מוֹפְתִים. (שְׁפֶּעטֶער, וֶוען רֶבִּי מֵאִיר'ל אִיז שׁוֹין גֶעוֶועְן אַ רֶבִּי, אִיז דֶער מְלַמֵּד רֶבִּי דוֹב בֶּער גֶעוָוארְן זַיין חָסִיד, אוּן עֶר פְלֶעגְט שְׁטֵיין פַאר אִים מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ.)

פוּן דֶעמָאלְטְס אָן הָאט דָאס אִינְגְל אוֹיפְגֶעהֶערְט אָנְוַוייזְן וֶועלְכֶע בְּהֵמוֹת זֶענֶען כָּשֵׁר אוּן וֶועלְכֶע נִישְׁט.

...

דֶער טָאלְטְשָׁאוֶוער רָב אִיז אוֹיף זַיין עֶלְטֶער גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זִיךְ צוּ בַּאזֶעצְן אִין צְפַת. אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין פְּרֶעמִישְׁלַאן; עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ בְּלוֹיז גֶעזֶעגֶענֶען פוּן רֶבִּי מֵאִיר'ל אוּן גְלַייךְ וַוייטֶער פָארְן. אָבֶּער וִוי נָאר רֶבִּי מֵאִיר הָאט אִים גֶעזֶען, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אוּן אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים.

"אִיךְ וִויל זֶען דַיין פַּאס (פָּארְט)," הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט. דֶער טָאלְטְשָׁאוֶוער רָב הָאט אִים גֶעגֶעבְּן זַיין פַּאסְפָּארְט, אוּן רֶבִּי מֵאִיר'ל הָאט דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין זַיין טַאשׁ.

דֶער רָב הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ הֶעכֶערֶע זַאךְ אוּן עֶר הָאט אַוַודַאי נִישְׁט צוּרִיקְגֶעבֶּעטְן זַיין פַּאס פוּן דֶעם צַדִיק. אַזוֹיוִוי עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶועְן עֶרֶב שַׁבָּת, הָאט דֶער רָב נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, אוּן אָן קַיין בְּרֵירָה אִיז עֶר דָארְט גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף שַׁבָּת.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט זִיךְ רֶבִּי מֵאִיר'ל גֶעזֶעגְנְט פוּן אִים אוּן אִים צוּרִיקְגֶעגֶעבְּן זַיין פַּאס. אָבֶּער וִויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף שַׁבָּת אִין פְּרֶעמִישְׁלַאן, הָאט עֶר שׁוֹין פַארְפַּאסְט זַיין שִׁיף צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט וַוארְטְן אִין שְׁטָאט אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע שִׁיף.

נָאךְ אַפָּאר טֶעג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע בְּשׂוּרָה, אַז דִי שִׁיף אוֹיף וֶועלְכֶע דֶער טָאלְטְשָׁאוֶוער רָב הָאט גֶעדַארְפְט פָארְן, אִיז אַיינְגֶעזוּנְקֶען גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן יַם אִינְאֵיינֶעם מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן.

בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק אִיז עֶר גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אַ זִיכֶערְן טוֹיט.

**מִיר זֶעעֶן פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז צַדִיקִים בַּאשִׁיצְן אוּנְז, אוּן אַז מֶען גֵייט צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן הָאט מֶען אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע שְׁמִירָה; מֶען הִיט אוּנְז אָפּ פוּן הִימְל.**



# טרעפליך

טרעף די
פאלגענדע
בילדער











**ביים פלאנצן בלומען**
**לכבוד שבועות**

געמאלן דורך: **ר. וועבערמאן**



דעם

# רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "איר קענט קנייטשן מיין ספר וויאזוי איר ווילט, אבי נישט אוועקגיין פון שלחן ערוך!"

## ברסלב'ע חידות

**וועלכע דריי צייטן פלעגט מען קומען צו פארן צום רבי'ן?**

| | |
|---|---|
| א. ראש השנה | ה. שבת פרה |
| ב. יום כיפור | ב. פסח |
| ג. שמחת תורה | ג. שבועות |
| ד. שבת חנוכה | ד. שבת נחמו |

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי זאגט: דורך קוקן גוט, דורך זוכן גוטס אין א צווייטן, קען מען יענעם איבערדרייען צו גוט

## געב א שמייכל

**וועלכע זאך קענען נאר די רוסישע האבן און דו נישט?**

[illegible]

געברענגט צו אייך דורך דער קיפה וואס האט אויסגעטיילט פופציג אלפים פארלאפענעם פסח



## א שטיקעלע ספר המדות

**אהבה** – חלק שני

**ד. עַל יְדֵי שִׂנְאַת חִנָּם, נִכְשָׁל בִּטְרֵפוֹת.**

אוֹיבּ הָאט מֶען שִׂנְאַת חִנָּם, מֶען הָאט פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן פַּאר אוּמְזִיסְט, וֶוערְט מֶען נִכְשָׁל אִין עֶסְן טְרֵיפוֹת.